# פארברענגען עם הרבי

## כט

התוועדות י"ב תמוז תשמ"ה


יוצא לאור על ידי

**"ועד תלמידי התמימים העולמי"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושבעים ואחת לבריאה

©
Published and Copyrighted by
**"VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI"**
770 Eastern Parkway, Brooklyn N.Y. 11213
Tel: (718) 771-9674
Email: vaadhatmimim@gmail.com
5771-2011

---

Printed by:
**The Print House**
538 Johnson Ave. Brooklyn, NY, 11237
718.628.6700

# פתח דבר

לקראת יום ההילולא ג' תמוז, וזה כבר כמעט שבע-עשרה שנה שאיננו זוכים להתראות עם נשיאנו כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, הננו מוציאים לאור סרט-צילום מ**התוועדות י"ב תמוז תשמ"ה**, בה דיבר כ"ק אדמו"ר לראשונה ברבים אודות המאורע דגניבת הספרים, ובקשר לזה חזר והזכיר כמה פעמים את דברי הגמרא בתענית אודות העניין ד"הוא בחיים".

הוידאו יוצא במסגרת סדרת **"פארברענגען עם הרבי"**, היוצאת לאור על ידי **"ועד תלמידי התמימים העולמי"** וחברת **JEM** במשך השנים האחרונות, ומזכה את אלפי תלמידי התמימים ואנ"ש בכל רחבי תבל, להשתתף ב"פארברענגען עם הרבי" בבחינת "יהא רואה בעל השמועה כאילו עומד כנגדו".

רובם של השיחות ממהלך ההתוועדות מופיעות בתרגום מילולי ע"ג המסך: שיחות א, ב, ג, ד, ו, ז, ח. ישנה אפשרות לראות את כל מהלך ההתוועדות במילואה על פי הסדר (ללא תרגום מילולי).

התרגום המופיע על גבי המסך, נערך בצורה מילולית באידיש, בלה"ק, באנגלית, בצרפתית, בספרדית, וברוסית - מתוך השתדלות להיצמד ככל האפשר ל"לשון הרב", למעט מקרים בודדים בהם נעשה תרגום עניני יותר, להבנת הענין לאשורו.

•

קובץ זה יוצא לאור כדי לשמש כעזר וכסיוע להכנת תוכן ההתוועדות מראש, ובו 'הנחה' מכל מהלך ההתוועדות:

א) **בלשון-הקודש** - כפי שנערכו ע"י 'ועד הנחות בלה"ק', למעט אריכות השיחה (שיחה ה') ע"ד גניבת הספרים שהושמטה מההנחה. ב) **רשימת מילולית באידיש** מכל ההתוועדות. ג) **בתרגום לאנגלית** - באדיבות Sichos in English .

לתועלת הלומדים הבאנו בזה אף 'מפתח' קצר מכל שיחות הפארברענגען.

•

ויה"ר אשר בזכות ה'קאָך' בלימוד תורת רבינו, ובפרט באופן ש"רואה בעיניו ממש את המשלח, נשיא דורנו, שנותן לפניו היום שליחות זו", נזכה במהרה לקיום היעוד ד"תורה חדשה מאתי תצא", ונזכה לחזות באור פני מלך חיים, ולהשתתף בגשמיות ובמוחש בעוד פארברענגען עם הרבי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

**ועד תלמידי התמימים העולמי**

כ"ח סיון ה'תשע"א
בית חיינו - 770, ברוקלין, נ.י.

**בס"ד. משיחת אור ליום ג' פ' בלק, י"ג תמוז ה'תשמ"ה.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

**שיחה א**

א. ס'איז דאָך ווי דער סדר איז, על-פי התורה, נוסף אויף מנהג ישראל וואָס "תורה היא", אַז "פותחין בברכה", און ווי דער אַלטער רבי איז האָבן אויך די בניו של המחבר מסר געווען זיינע אגרות-קודש, אַז ס'הויבט זיך אָן מיט דער אגרת פון "פותחין בברכה".

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער מנהג בשנים האחרונות טאָן דאָס אויך כפשוטו - אָנהויבן מיט אַ ברכה בלשון הכתוב, וואָס דעמאָלט איז דאָך דאָס זיכער מכוון מיט אַלע פרטים ודיוקים,

וואָס דאָס איז דאָך דער פסוק הידוע ומפורסם פון "ברוך הבא בשם הוי' ברכנוכם מבית הוי'".

ב. וואָס דאָ איז דאָך אויך כמה וכמה פירושים; אַן ענין אין תורה איז דאָך "כפטיש יפוצץ סלע", אַז מ'האָט אין דערויף כמה וכמה פירושים,

ביז ווי דער אריז"ל זאָגט, אַז אין יעדער ענין אין תורה, איז וויבאַלד אַז תורה איז פאַרבונדן מיט אידן און געגעבן געוואָרן אידן - איז דאָ ששים ריבוא פירושים: וויבאַלד אַז ס'איז דאָ ששים ריבוא נשמות כלליות באַ אידן, איז דאָס אויך נעמט זיך דאָס און שפיגלט זיך דאָס אויך אָפּ אין תורה, אַז ס'איז ששים ריבוא פירושים לתורה על-דרך הפשט, און אַזוי אויך ששים ריבוא פירושים על-דרך הרמז, און אַזוי אויך על-דרך הדרוש, און אַזוי אויך על-דרך הסוד - וויבאַלד אַז אין די אַלע ד' עולמות, וואָס זיי זיינען אַנטקעגן און שפיגלען זיך אָפּ אין תורה אין פשט און רמז און דרוש און סוד שבתורה,

על אחת כמה וכמה ווען ס'רעדט זיך וועגן עטלעכע פירושים וואָס לפי עניות דעתינו קען מען זיי אויך אַרויסקריגן אין דעם פירוש הכתוב,

בפרט נאָך - אַ פירוש וואָס קומט און ברענגט גלייך אַריין אַ התעוררות אין אַן ענין של מעשה, איז דאָך פאַרשטאַנדיק אויף וויפל אַזאַ פירוש איז נוגע, וויבאַלד אַז ס'קען דורך דערצו צוקומען בהנוע למעשה בפועל.

ג. וואָס דאָס איז דאָך, כמדובר בארוכה פאַראַיאָרן און די יאָרן שלפני זה בלשון הכתוב, אַז ס'הויבט זיך אָן "ברוך הבא" לשון יחיד, און דערנאָך זאָגט מען "ברכנוכם" לשון רבים, און דערנאָך איז מען אין דערויף נאָך מוסיף, אַז דערצו קומט-צו "מבית

הוי׳״ – איז אין יעדער וואָרט דערויף דאָ אַ לימוד, וכמדובר – אַ לימוד בנוגע למעשה, וואָרום תורה, במילא יעדער ענין אין תורה, איז דאָס מלשון ״הוראה״,

און וויבאַלד אַז דאָס ווערט אָנגערופן ״תורת חיים„, וואָס כפשוטו איז דאָך אין דערויף דער אָפּטייטש, אַז דאָס איז אַ תורה וואָס לערנט און ווייזט-אָן די וועג בחיים כפשוטם, אין עולם-הזה הגשמי, נשמות בגופים, וואָס דאָרט איז דאָך דער עיקר נוגע ״המעשה הוא העיקר״,

אַזוי איז אויך דאָ דער לימוד, אַז בשעת מ׳זאָגט ״ברוך״ לשון יחיד, איז דאָס גלייך מדגיש, אַז אפילו אַ יחיד, וואָס קען דאָך טראַכטן פאַר-זיך: ״מה אני ומי אני״,

בפרט נאָך, אַז ער איז זיך מתבונן אין ״מה רבו מעשיך ה׳״ און ״מה גדלו מעשיך ה׳״,

אפילו ווען ער דערצו נאָך ניט געקומען – זעט ער דאָך אַ גרויס עוועלט אַרום זיך, קען ער זיך טראַכטן: למאי אַזוי די נפקא מינה און וואָס איז אַזוי וויכטיק וואָס ס׳וועט טאָן אַ יחיד?

זאָגט מען, אַז ס׳איז ניט נאָר אַן ענין וואָס ס׳איז וויכטיק, נאָר – מ׳בענטשט אים, ער האָט אַ ברכה מיוחדת, אף על פי וואָס ער איז דערווײַלע נאָך אַ יחיד.

ד. דערנאָך איז דאָך יעדער איד פילט דאָך אין זיך בגלוי, און על אחת כמה וכמה בפנימיות נפשו, אַז ער איז אַ חלק פון כלל ישראל,

וואָרום וויבאַלד אַז כלל ישראל זאָגט תורת אמת, אַז אַלע אידן צוזאַמען זיינען ״כולם כאחדים״, כ״קומה אחת״ – איז דאָך זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז יעדער טייל פון אַ ״קומה״, פון אַ גוף – פילט אין זיך די אַלע איבעריקע חלקים פון דעם גוף,

אפילו ווען ער קען דאָס ניט אַרויסגעבן בשכל אָדער ברגש, אָבער די מציאות איז דאָך אַזוי,

על אחת כמה וכמה ווען ס׳רעדט זיך וועגן אידן, וואָס ס׳איז דאָך ״בשבילם נברא״ כל העולם, און זיי דאַרפן זיין אַביישפיל ווי די וועלט זאָל זיך פירן – איז דאָך זיכער דאָך באַ זיי, אַז יעדער איין און איינציקער פון זיי, אפילו אַלס אַ יחיד, פילט ער, און פילט אָס ביז בפנימיות נפשו ובאמיתית נפשו, אַז ער איז אַ חלק פון ששים ריבוא מישראל.

ובלשון הגמרא והמשנה, וואָס דאָס איז דאָ תורת אמת, אַז אדם אחד איז דאָס אַן ״עולם מלא„: דאָס איז ניט נאָר אַ וועלט, נאָר דאָס איז אַ גאַנצע וועלט, און נאָך מערער – דאָס איז אַן עולם וואָס ער איז ״מלא„, ניט חס ושלום אַ וועלט אָן אַן אינהאַלט, אָדער אַ וועלט וואָס זי איז טאַקע אָנגעפילט, אָבער ניט אינגאַנצן אָנגעפילט –

זאָגט תורת אמת, וואָס יעדער וואָרט אין איר איז דאָך מדוייק, אַז אַן איין און איינציקער איז ער אַן "עולם", און דער "עולם" איז אַ "מלא" - פול אָנגעפילט; וויפל נאָר ער קען פאַרנעמען און וויפל נאָר מ'האָט אים געגעבן - קומט דאָס אַרויס אַלס אַן "עולם".

וואָס דערפון איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז גלייך פון "ברוך" לשון יחיד,

ובפרט נאָך אַז דער "הבא" [באַ] קומט נאָך אַ ברכה אין דעם "הבא" - איז דאָך זיכער, אַז גלייך ווערט אין אים דערפילט "ברכנוכם", אַז ער איז אַ חלק פון דעם רבים,

ביז וואַנענט אַז זיי ווערן אַלע נכלל אין דעם זעלבן וואָרט: "ברכנוכם" איז דאָך כולל אין זיך אַלע וואָס ווערן נכלל און געמיינט דורך דעם לשון רבים.

ה. און ס'איז אויך גלייך נתבאר געוואָרן:

לכאורה, אַז מ'קומט אַרויס אין וועלט-זאַכן, זעט מען דאָך, אַז "אין דיעותיהן שוות", און דער געהערט צו "ראשיכם שבטיכם" און דער צווייטער קצה געהערט גאָר צו "חוטב עציך" ו"שואב מימיך",

וויבאַלד אָבער, אַז אין אים פילט זיך, ביז וואַנענט אַז ס'איז ניכר בגלוי, אַז פון וואַנענט קומט די ברכה מיט די השפעה? - קומט דאָס "מבית הוי'", "מבית ה'" -

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז אַ "בית" יחיד, פון יחידו של עולם, במילא איז אויך זיין השפעה און זיין לערנונג און זיין ווירקונג, ביז אין מעשה בפועל, אויף דעם יחיד און אויף דעם רבים - קומט אויך אַרויס אין אַזאַ אופן, אַז ס'איז טאַקע אַ זיכערע זאַך, אַז ס'איז דאָ אַ ריבוי יחידים, ואדרבא - ס'דאַרף גאָר זיין "ברוב עם דוקא", וביחד עם זה איז דאָס אויך דאָ "ברכנוכם" - זיי ווערן אַלע נכלל אין דעם זעלבן וואָרט און אין דעם זעלבער ברכה,

וואָרום דאָס קומט ממקור הברכות,

און ניט נאָר ווי מקור הברכות געפינט זיך למעלה, במקומו, נאָר ווי דאָס אַראָפּ אין אַ "בית", אין אַ הויז, וואָס דאָס באַווייזט דאָך אויף אַ בנין דאָ למטה,

צוזאַמען וואָס אַ בנין ווערט דאָך אויך צוזאָמענגעשטעלט מכמה וכמה חלקים ופרטים, ביז ווי ס'איז אויך דער דין אין הלכה, אָז אָ בנין מוז האָבן אין זיך עפר און עצים און אבנים, כמבואר בנוגע לכמה הלכות, כולל אויך בנוגע להלכות מזוזה וכיוצא בזה,

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס קומט אַראָפּ פון "הוי'", פון שם העצם און שם המפורש, וואָס ער איז אויך שם המיוחד, אין אַן אחדות פשוטה - קומט דאָס אַראָפּ און דאָס ווערט נתגלה און פועל'ט אין אַ "בית",

און פון דעם "בית" ווערן געבענטשט סיי דער דער יחיד און סיי דער רבים, און סיי שניהם יחד,

ביז אין אַ ברכה וואָס זי ווערט אויך נמשך ממקור כל הברכות, ביז אין עולם-הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו, וואָס דאָס מיינט מען דעם עולם-הזה הגשמי, וואָס ס'איז גאָר דאָ ניט-אידן וואָס רעכענען, אַז דאָס איז גאָר אַן עולם-הזה החומרי - ווערט אַהינצו נמשך ממקור כל הברכות,

און - נמשך בטוב הנראה והנגלה, בבני חיי ומזוני רוויחא, ובכולם רוויחא,

על אחת כמה וכמה אין די ענינים רוחניים בדוגמת זה, וואָס רוחניות איז דאָך די "נשמה" פון די ענינים גשמיים: בשעת מ'זעט, אַז דאָס איז נמשך אין די ענינים גשמיים - איז דאָך דאָס זיכער דערפאַר וואָס אַזוי איז דאָ אין זייער "נשמה", אין די ענינים ווי זיי שטייען ברוחניות,

און דערנאָך ווערט די התאחדות הגשמיות והרוחניות גם יחד,

בדוגמא ווי מ'זעט אין אַ גוף כפשוטו, אַז דער גוף איז אַ געזונטער ובשלימות - ווען ביי אים איז ניטאָ קיין "צושפּליטערונג", חס ושלום, אַ חילוק צווישן דער נשמה שבו מיטן בשר הגוף שבו, און דאָס גייט אַלץ ווי אַ מציאות אחת.

ו. און דאָס פועל'ט אויך, בשעת ביי אידן שטייט דאָס בגלוי, אין זייער גשמיות און אין זייער רוחניות - טוען זיי אויך אויף אין דער וועלט, וואָס "נברא בשביל ישראל", וואָרום זיי טוען דאָך אין דער וועלט על-ידי ועל-פי הוראות התורה, וואָס די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן "בשביל התורה",

און דורך ישראל ווי זיי זיינען און גייען און טאָן על-פי תורה, - זיינען זיי אויך מאחד: ניט נאָר ס'זאָל ניט זיין קיין "חילוקי דיעות" און קיין "פלוגתות" צווישן די גשמיות העולם און רוחניות העולם, נאָר דאָס ווערט איין און איינציקע מציאות.

וואָס דאָס, בשעת מ'טוט דאָס אויף דורך אַ מעשה, אָדער אפילו אַ דיבור, אָדער אפילו אַ מחשבה, און דאָס טוט אויף איין איד, אַ יחיד, דערנאָך אַ צווייטער יחיד און אַ דריטער יחיד, און דאָס ווערט אויפגעטאָן על-ידי הרבים -

איז מען דעמאָלט מכריע את העולם כולו "ומביא תשועה והצלה", אַז מ'ברענגט אַריין, אַז אין דער וועלט זאָל נתגלה ווערן די "רוחניות" און "נשמה" שבעולם, וואָס דאָס איז דאָך דער "כח הפועל שבנפעל",

ובלשון הכתוב, אַז ס'ווערט נתקיים די הבטחה מיט דעם יעוד פון "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו", ובגלוי ממש, בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו,

וואָס יעדער גאולה איז דאָך מעין פון דער גאולה הכללית, אף על פי וואָס דאָס איז אַ גאולה פון אַ פּרט,

על אחת כמה וכמה אויב דאָס איז אַ גאולה פון אַ "פרט" לכאורה, דאָס איז אָבער אַזאַ וואָס "הרבים צריכים לו", וואָס דעמאָלט על-פי הלכה האָט ער אַ דין פון אַ רבים,

ובפרט נאָך ווי מ'האָט געלערנט אין דעם רש"י פון שבת שלפני זה, "דמיני' מתברכין כולי יומי", אַז "הנשיא הוא הכל" -

די גאולה פן נשיא דורינו, פון רבי'ן דעם שווער, וואָס דאָס איז דאָך די סיבה גלוי' פון דער התוועדות אין י"ג תמוז, דער יום הגאולה שלו, וואָס דאָס איז אויך דער יום ההולדת שלו.

ז. ובמהרה ממש זאָל מקויים ווערן דער פסק-דין הרמב"ם, ובלשונו, אַז "מיד הן נגאלין" - "מיד" על-פי הלכה, וואָס דאָס מיינט מען מיד ממש, און ווי דער רמב"ם איז דאָרטן ממש, אַז "טרם יקראו ואני אענה" -

די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", "קהל גדול [ישובו] הנה",

לארצנו הקדושה, "ארץ אשר . . תמיד עיני הוי' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה",

און אין אַ מעמד און אין אַ מצב פון "ירחיב הוי' את גבולך", און אין אַ מעמד אן אַ מצב פון "ונתתי שלום בארץ" - שלום אמיתי, ווי ס'איז געמיינט דער "ונתתי שלום" ווי ער שטייט אין תורת אמת,

און "השלום כאן" - איז "הכל כאן",

און שלום ווערט דאָך די כלי וואָס איז מחזיק ברכותיו של הקב"ה - הַיילט דאָס נאָכמערער צו די גאולה האמיתית והשלימה כפשוטה, למטה מעשרה טפחים, "ושמחת עולם על ראשם".

ניגנו "פדה בשלום".

• • •

**שיחה ב**

ח. ס'איז דאך אין יעדער ענין איז דאך פארבונדן דאס אויך מיט דעם ענין וואס אין דעם זמן,

ווי דאס שפיגלט זיך אויך אפ - ווי אלע ענינים פון וועלט - אין תורה, ביז אין הלכה שבתורה: אז מ'וועט קומען צוגיין [מיט] צוויי שאלות, איינע איז א שאלה וואס בו ביום אדער באותה שעה, און די צווייטע איז א שאלה סתם - איז אט דעמולט דארף מען צום אלעם ערשטן ענטפערן די שאלה וואס זי איז פארבונדן מיט אותו היום און באותה השעה.

וואס דערפון קומט דאס דערנאך אויך אראפ אין וועלט, ביז אין מנהג העולם, אז אע״פ וואס ס׳קלייבן זיך צוזאמען פארשידענע מענטשן, וואס יעדערער קען אין דערויף האבן פארשידענע מטרות וכיוצא בזה, און אויך - בא יעדערן פון זיי דארף דאך אויך זיין אן ענין וואס איז פארבונדן מיט יום זה און זמן זה המסויים -

איז אויך די אלע ענינים, ובפרט די הוראות וואס מ׳לערנט און מ׳נעמט דערפון ארויס, איז לכל לראש איז דאס פארבונדן מיט אן ענין וואס האט א שייכות, אדער דאס איז דער תוכן - דער אינהאלט - פון דעם מאורע פון דעם טאג, פון דער התוועדות, וואס דאס איז די סיבה פון דער התוועדות, אדער די מטרה פון דעם מאורע, אדער די תוצאות פון דעם מאורע.

וואס פון די אלע פרטים וחלקים איז דאך דאס יעדער ענין פון זיי בהשגחה פרטית, איז דאך ווי תורת הבעש״ט הידוע[ה], אז יעדער ענין אין וועלט איז בהשגחה פרטית, און יעדער ענין אין וועלט וואס א מענטש זעט, ובפרט וואס א איד זעט, איז דאס אויך בהשגחה פרטית - איז דאס זיכער ניט ״לבטלה״. נאר כדי א איד זאל דערפון ארויסנעמען א הוראה אין זיין עיקר ענין, וואס דער עיקר ענין זיינער איז דאך - ״אני נבראתי לשמש את קוני״,

וואס דאס איז, אין איינפאכע ווערטער: אפלערנען פון דעם ענין בכללות, ביז אפילו אויך פון זיינע פרטים - א הוראה בעבודת ה׳.

ט. וואס דער מאורע איז דאך - די זאך פון דער גאולה פון בית האסורים פון דעם בעל הגאולה.

וואס דאס האט מען דערביי גלייך א הוראה, אז א איד איז באשאפן געווארן, און זיין תכלית איז, און ווי איז דארף ער אויספירן, און קען אויספירן, זיין מטרה און זיין שליחות בשלימות? - ווען ער איז א בן חורין, ער האט ניט קיין הגבלות.

ובפרט נאך לויט דעם ענין הידוע, אז זינט יציאת מצרים, איז צוגענומען געווארן ביי אידן די גאנצע אפשריות, אז זיי זאלן זיין עבדים, נאר פון דעמולט אן זיינע זיי ״בני חורין״,

אע״פ וואס ע״פ תורה געפינט מען זיך אין דעם זמן דעתה און שוין א משך זמן - אין א מעמד ומצב פון גלות, מיט די הגבלות פון ״דינא דמלכותא דינא״, [עכ״פ בנוגע צו דיני ממונות] מיט נאר כמה הגבלות,

ביחד ע״ז זאגט מען, אז דאס איז אלץ ענינים חיצונים;

דער מהות פון א אידן און דער תוכן זיינער און די פנימיות זיינע, און אין אן אופן אז די פנימיות געוועלטיק און פירט אן מיט זיינע חיצוניות, איז - אז א איד איז א בן חורין.

מ'האט אים אבער געגעבן א בחירה, "הרשות והיכולת נתונה לכל אחד", כדי ער זאל באווייזן אז ער געהערט צום "עם חכם ונבון",

און ס'איז ניט דערפאר וואס ער האט קיין ברירה ניט, דערפאר פירט ער זיך ווי ס'דארף-צו-זיין, נאר ער האט א פולע בחירה, א פולע ברירה,

ביז ווי מ'זאגט דאך, און ווי ס'שטייט אין ספרים, אז די וואס האבן א בחירה חפשית באמיתיות, בלי כל מדידה והגבלה - איז דאס מערניט ווי צוויין: דאס איז דער אויבערשטער, און דאס איז א איד; "האדם הי' כאחד ממנו", ווי ער איז מבאר בארוכה אין לקו"ת; אט דאס וואס ס'איז דא בא דעם אויבערשטן דער "כאחד", איז "האדם", "אדמה לעליון", זיינען זיי געווארן "כאחד ממנו", אז מ'גיט זיי א בחירה חפשית לגמרי, עד כדי כך, ווי דער פס"ד אין תורה, אז "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים"; אפילו די הגבלה האט ער אויך ניט.

און אז ער קלייבט אויס דערנאך פירן זיך, טאן א מצוה, לערנען תורה, [וואס איינע פון זיי איז דאך, אז ער פילט זיך ווי א בן חורין און פירט זיך ווי א בן חורין, ביז אין מעשה בפועל] - איז ער דערביי מקיים א מצוה, אז "בנים אתם להוי' אלקיכם", און א בן מלך, און **עבד** מלך, [אפילו ווען ער איז אין א דרגא "כעבדים" - איז ער "**עבד** מלך" איז אויך א מלך], איז ער א **בן חורין אמיתי**.

י. בשעת ס'קומט נאך א מאורע וואס איז דאס מדגיש, אז לכאורה איז געווען דער מאסר דורך א ממשלה, וואס זי איז געווען א תקיפה ביותר, ובאותן המדינות איז זי געווען א "מושל בכפה" פון יענע מדינות,

און וואס דעמולט איז דאך דארטן געווען דער "רוב מנין" און "רוב בנין" פון אידן, במילא זיינען זיי געווען דער "מושל בכפה" - בכל העולם כול[ו],

און זיי האבן געמאכט אט דעם מאסר,

און דער איד האט באווייזן, זיצנדיק אין מאסר, אז ער ווערט פאר זיי ניט נתפעל, און אין אלע זאכן וואס ס'איז פארבונדן מיט אויבערשטן, במילא פארבונדן מיט תורה ומצוותי' - איז ער א בן חורין לגמרי,

און ווי ער האט דאך געזאגט, ווי שוין אפגעדרוקט אויך די שיחה הידועה פון ג' תמוז, וואס דעמולט איז ער געגאַנגען פארשיקט געווארן ע"י ממשלה זו אין גלות,

[וואס גלות איז דאך איינער פון די עונשים הכי חמורים, ביז וואנענט ווי דער "חינוך" איז דאך מסביר, אז גלות איז גאר בדוגמא פון היפך החיים],

איז גייענדיק אין אט דעם גלות, וואס ער איז דאך געגאנגען און געפארן אהינצו, און געוויס געוואוסט פארוואס ער פארט אהינצו, אז ס'איז ניט מרצונו הטוב, נאר דערפאר וואס די ממשלה איז אים מכריח -

ביחד ע״ז האט ער גלייך מכריז געווען, [און דערנאך איז דאס נתפרסם געווארן, און ס׳איז דערגאנגען אויך צו אונז], אז נאר אונזערע גופים זיינען אוועק אין גלות, און אויך - פארוואס? - דערפאר וואס דער אויבערשטער האט זיי געשיקט אין גלות,

- די מלכיות שבינתיים איז דאס מערניט ווי א ״גרזן ביד החוצב בו״: זיי האבן קיין דיעה ניט כלל וכלל, ווי דער רמב״ם איז מבאר בארוכה די שלילה פון עבודת כוכבים ומזלות דערפאר וואס זיי האבן קיין דיעה ניט כלל וכלל,

במילא איז אויך פארשטאנדיק, אז אפילו בשעת מ׳געפינט זיך אין גלות - האט דעמולט דער גלות קיין שליטה ניט אויף א אידן אין ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט אידישקייט, ווארום דאס איז פארבונדן מיטן אויבערשטן, און אויף דערויף האט דער אויבערשטער ניט געשיקט אין גלות;

איז א איד א בן חורין לגמרי.

וואס דאס האט דערנאך גלייך געבראכט, במשך פון א זמן קצר, אז אנשטאט פון דריי יאר גלות - איז געווארן א זמן הכי קצר, ובי״ג תמוז, איז דעמולט ״חופשה ניתנה לו״; אפילו פון די ״הפה שאסר״ איז אויך געווארן ״הפה שהתיר״,

און דער ״הפה שהתיר״ - גלוי לעיני כל העמים, אין אן אופן של פרסום הכי גדול אפילו במדינה ההיא.

יא. וואס אט דא קומט גלייך די הוראה בנוגע לפועל,

אז ס׳קען דאך זיין א מציאות - בלשון הרמב״ם - אז ״יצרו אנסו״:

א איד איז טאקע א בן חורין, און ער ווייס אז זינט מ״ת [און נאך פריער - זינט יצי״מ] - איז ״עבדי אתם״, במילא איז ניט שייך, ״שטרי קודם״ צו אלע-ערליי שטרות, קען ניט זיין ע״פ הלכה קיין מציאות, אז א איד זאל זיין אן עבד צו וואס פאר אן ענין ס׳זאל נאר זיין!

- אפילו ווי ער געפינט זיך אין גלות, איז דאס מערניט דערפאר וואס דאס איז ארייגעשריבן אין דעם ״שטרי״ שלי, במילא איז דאך דאס ניט קיין עבדות אמיתית, און דאס איז ניט שולל קיין ענין פון חירות, דערפאר וואס דאס איז בנו של מלך, אדער עכ״פ עבדו של מלך, וואס דעמולט, ע״פ תורה, איז ״עבד מלך כמלך״, ביז וואנענט ווי די צווייטע גירסא, אז ״עבד מלך - מלך״, אן א כ״ף הדמיון.

וואס בפשטות איז דאס:

אז א איד גייט ארויס אין וועלט, אדער ער איז געבוירן געווארן אין וועלט, איז אין א סביבה, וואס, דעמולט, בשעת ער איז געבארן געווארן, איז דאס געווען א ״נשבה בין העכו״ם״, און מ׳האט דארט ניט געוואוסט פון אידישקייט,

זאגט מען, אז דאס איז מערניט ווי "נשבה", ער איז דארט "געפאנגען" געווארן באופן עראי, ווארום ניט דאס איז זיין מציאות, און דאס איז זיין סביבה, און ניט דאס איז זיין מהות,

און ס'איז א זיכערע זאך, אז "בל ידח ממנו נדח", און דער אויבערשטער וועט ניט לאזן זיין בן, אדער אפילו זיין עבד, אז זיי זאלן זיין אין א מעמד ומצב פון "שבוי" - דערפאר וואס דאס איז היפך די מציאות פון דעם אויבערשטן במילא איז דאס היפך די מציאות פון א אידן - ווערט דאס היפך די טבע פון א אידן; ער דארף נאר ניט פארדעקן זיין טבע הגשמי.

יב. מ'דארף דאך אבער האבן אן ענין וואס דאָס זאל מעורר זיין - אויפוועקן - אים פון דעם "ישנים בהבלי העולם" בלשון הרמב"ם, אויפוועקן אים, און דערמאנען אים וואס זיין מציאות איז -

איז אט דאס איז איינער פון די תפקידים פון אַזעלכע מאורעות:

אז מ'דערהערט, און מ'איז זיך מתבונן און מ'טראכט זיך אריין, אז ס'איז געווען א איד וואס איז געווען במאסר משך ימים, און דערנאך איז דער מאסר האט זיך אויסגעלאזט, לכאורה, ניט מיט שחרור, נאר אדרבא - מיט אן עונש הכי גמור פון גלות, און דערנאך איז "הפה שאסר הוא הפה שהתיר" מיטן גאנצן גילוי און מיטן גאנצן שטורעם,

אט דאס זאגט מען אים גלייך - במכ"ש וק"ו: אז ניט דו זאלסט לערנען, אז דאס איז אן אויסנאמט-פאל, דערפאר וואס דאס איז א איד שהרבים צריכים לו וכו';

האט דער איד אליין מכריז געווען און מודיע געווען, און געשריבן און געהייסן אפדרוקן, אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה"" נאר יעדער אידן, אפילו אזא איד וואס "בשם ישראל יכונה":

כינוי ע"פ תורה איז דאס ניט דער אמת'ער נאמען; אז מ'גיט א קוק אין וועלט - דארף מען אויף אים שרייבן מכונה "ישראל", אבער באמיתתו איז דאס, האט מען אים אויך ארויסגענומען,

און ניט ארויסגענומען איז א באזונדער טאג מיט א באזונדער גאולה - איז דער בעל הגאולה אליין מסביר, אז "לא אותי לבד גאל הקב"ה" אין דער זעלבער גאולה איז "לא אותי בלבד" נאר יעדערער וואס "בשם ישראל יכונה" - איז ארויסגענומען געווארן אין דער זעלבער גאולה!

וואס דאס איז געווארן א פעולה נמשכת, ווי מ'האט דאס געזען בפשטות, אז די גאולה פון י"ג תמוז, האט מען דעמולט ניט געוואוסט זיכער וואס ס'וועט זיין דער המשך;

איצטער ווייס מען דאך, און מ׳האט דאך געזען און אויסגעפרואווט און אויסגענוצט דעם המשך וואס דערפון איז געווארן,

אז פריער האט מען אים געלאזט ארויספארן פון דער גאנצער מדינה, וואס דאס איז דאך געווען א נס גלוי לטובה:

פריער האט מען אויך ניט געוואוסט ווי דאס איז און ווי אזוי דאס איז, אבער דערנאך האט מען געזען - מען האט אים ארויסגענומען און באפרייט פון אלע הגבלות ומדידות פון דער מדינה,

וואס דאס איז דעמולט אויך געווען א נס גלוי, ווי מ׳זעט דאס עד היום הזה, אז ארויספארן פון יענער מדינה איז דאס איינע פון די שווערסטע זאכן פועל זיין,

עאכו״כ - ארויספארן מיט אלע בני-בית, און מיט אלע כתבים און מיט אלע ספרים, און מיט אלע חפצים,

און מ׳האט געשיקט א שליח מיוחד פון דער מלכות כדי דאס זאל דורכגיין שנעלער, און מ׳האט אים אנגעזאגט, ער זאל קיין זאך ניט בוחן זיין, און זאל חתמ׳ענען אלע רשיונות אז מ׳זאל קענען גלייך ארויספארן אן קיינע מניעות ועיכובים,

איז דאך דאס א סיפור גלוי לעיני כל.

יג. וואס אזוי איז דאך דא אַזעלכע [וואָס] טענה׳ן, אז ס׳איז געווען ״עשרה נסים נעשו לאבותינו״ - איז דאס געווען בזמן שבית המקדש הי׳ קיים, אזוי שטייט אין משנה, אבער איצטער ״אותותינו לא ראינו ואין אתנו יודע עד מה״ -

איז מזמן לזמן, איז ״חשף הוי׳ את זרוע קדשו״, און ער באווייזט א נס גלוי, און ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא איז דאס ע״י צדיקים, וואס דורך זיי באווייזט דער אויבערשטער די נסים,

וואס דאס איז געווען בדורינו ממש - אנגעהויבן זיך אין י״ג תמוז, און דערנאך איז געווען דער המשך לאחרי זה, כמדובר די אלע פרטי הסיפור, ווי שוין אויך געדרוקט און מפורסם -

אז מ׳זעט בפועל, אז א איד איז מחליט, און מיט א תוקף, אז ער רעכנט זיך ניט מיט קיין זאך וואס דאס איז אנטקעגן אידישקייט,

און ניט נאר ער רעכנט זיך ניט מצד עקשנות וכיוצא בזה, [נאָר] דערפאר וואס אזוי איז במציאות, אז יעדער ענין וואס איז אנטקעגן אידישקייט, איז דאס דערפאר אז ס׳האט אויף אים קיין שליטה ניט, ווארום ער איז פארבונדן מיטן אויבערשטן אליין,

און טאמער האט ער עפעס א שוועריקייט - קומט דאס פון דעם אויבערשטן, נאר וואס דען? - דער אויבערשטער נוצט אמאל א שוועריקייט אלס א נסיון, כדי דאס זאל ווערן בא דעם אידן א "נסיון" מלשון "ארים נס על ההרים" כדי דעם אידן אויפהויבן,

אז ניט נאר ער דינט דעם אויבערשטן בשמחה ובטוב לבב ווען ער האט ניט קיין שוועריקייטן, נאר אפילו ווען ער האט יא שוועריקייטן, און מ'שטעלט זיך אנטקעגן אים,

ובפרט נאך א איד וואס איז געבוירן געווארן אין אן אופן פון "נשבה בין העכו"ם", טענה'ט ער: ער ווייס ניט וועגן וואס ס'רעדט זיך -

זאגט מען אים, אז דאס איז בשעת דו ביסט באשאפן געווארן און ביסט נולד געווארן, יצא לאויר העולם, אפילו ווען אין דעם אויר אין וועלכן ער איז נולד געווארן איז דאס געוועזן אן אויר "בין העכו"ם" -

איז א רגע לפנ"ז, ווען ער איז נאך געוועזן "במעי אמו" - איז "מלמדין אותו כל התורה כולה".

און נאכמערער - "נר דלוק על ראשו": ס'איז א זאך וואס דאס איז א טונקעלע, און מ'דארף דאס זוכן, נאר ס'ברענגט א ליכטיקע ליכט על ראשו פון אט דעם-א, וואס מאיזו סיבה שתהי' האט דער אויבערשטער געוואלט, אז דערנאך, ווען יצא לאויר העולם, זאל דאס זיין אזא אויך וואס דאס איז "בין העכו"ם" -

- דאס האט אבער ניט קיין השפעה ניט; אויף דער נשמה ווי זי איז געוועזן בבטן אמו - דאס דארף מען ניט מסביר זיין: ווער ס'זאל נאר זיין, אפילו א תינוק קטן, פארשטייט, אז דאס וואס ס'איז אויר העולם לאחר שיצא לאויר העולם - האט ניט קיין השפעה אויף דער נשמה וואס איז געוועזן אין אט די רמ"ח אברים ושס"ה גידים, [אדער אויב ס'איז וועגן א מיידעלע - וועגן די רנ"ב אברים וכו'] - קודם שיצא לאויר העולם, וואס דארט איז אויך געוועזן דער גוף צוזאמען מיט דער נשמה, און זיי גייען דערנאך ארויס לאויר העולם.

יד. איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז ס'איז ניט ווי ס'איז דא אַזעלכע וואס טענה'ן, אז היתכן אז מ'מאנט פון אים, ער זאל פירן זיך ניט ווי אמיתית הדברים זיינען, ובלשון המדינה: מ'מאנט פון אים ער זאל זיין א "היפאקריט"; ווי אזוי קען ער זיך פירן [אין] אידישקייט - ווען ער האט ביז איצטער ניט געוואוסט וואס דאס איז, און סהאט צו אים קיין שייכות ניט; ער האט זיך געהאדעוועט אין אן ארט און אין א סביבה וואס מ'האט אים גארניט דערציילט דערפון!

זאגט מען אים: פארקערט! דאס איז ניט די זאך אז דו דארפסט אנטפלעקן א נייע זאך - דו דארפסט זיך אומקערן צו דיין אמיתית המציאות און צו דיין שורש, ס'איז מערניט וואס "יצרו אנסו", אדער די סביבה אנסו וכיוצא בזה.

במילא, צום אלעם ערשטן קער זיך אום, ווי דגים בים, וואס דאס איז זייער חיות, און דיין חיות איז - דער לימוד "כל התורה כולה", און אין אן אופן פון "נר דלוק על ראשו".

און בשעת דו האסט א געלעגנהייט, און אימעצער האט דיר דערציילט מיט א רגע אחד קודם - איז כאפ אריין אט די רגע, און ס'איז א זיכערע זאך, אז במשך הזמן וועסטו דאס אויך פארשטיין, ס'וועט קומען דער "נשמע", אבער צום אלעם ערשטן - דארף זיין דער "נעשה",

ווי ס'איז געווען בא יעדער אידן און ביי אלע אידן, [וואס אלע נשמות זיינען דאך געשטאנען בא מ"ת], הקדמת "נעשה" ל"נשמע".

טו. און אט דאס איז אויך די הוראה האמורה וואס ס'לערנט אונז אט דער טאג,

אז בשעת מ'קומט צוגיין צו א אידן, אדער א איד רעדט מיט זיך אליין, און דארף באַ זיך פועל זיין א הידור וואס אים ווייזט זיך אויס, אז ס'האט צו אים קיין שייכות ניט, ער האלט נאך ניט דערביי, און "מחזי כיוהרא" וכיוצא בזה בלשון ההלכה, ביז אט די וואס "נשבו" ר"ל "בין העכו"ם" -

זאגט מען זיי גלייך, אז "כל התורה כולה" האסט דו געלערנט נאך איידער ביסט ארויס לאויר העולם,

און דאס איז ניט א זאך וואס דו דארפסט זיך צופאסן צו א צוויטן און לערנען א נייע זאך - דו דארפסט זיך מערניט ווי אומקערן צו דיין שורש ומקור, צו דיין אמיתית המציאות.

און אויב דו וועסט דאס אפלייגן ביז וואנענט ס'וועט זיין דער "נשמע", אז דו וועסט לערנען און פארשטיין וכו' - דערווייל קען דורכגיין א משך זמן, וואס כל רגע פון זמן איז אן "אבידה [ש]אינה חוזרת" - זמן קען מען ניט אומקערן צוריק,

און וואס וועסט דערלייגן - די שאלה איז נאר, אויב דו וועסט ניט פארשטיין דעם טעם, וועט אויסקומען אז דו האסט זיך מטריח געווען און דו ווייסט ניט פארוואס, אע"פ וואס דיין עלטער-זיידע ווייס דערפון;

א מ'וועט ביי אים אליין פרעגן: ווי טראכסטו, ווי איז געווען דיין עלטער-זיידע? - וועט ער ענטפערן, אז זיין עלטער-זיידע האט זיכער געטראגן א לאנגע בארד, און זיין עלטער-באבע האט זיכער געטראגן א גרויסן שייטל, אדער געווען צוגעדעקט - כיסוי הראש - מיט א מטפחת כשרה.

וואס דאס איז - מיט [וועלכן] אידן מ'וועט נאר רעדן און מיט וועלכן אידן אין וועלכן מעמד ומצב ער געפינט זיך נאר איצטער - איז ביי אים א דבר ברור בנוגע צו זיין

עלטער-זיידע, און צענדליקער דורות לפנ"ז, כאמור לעיל, אז ס'איז געווען מיט גרויסע בערד, און מיט גרויסע שייטלען אדער מיט גרויסע טיכלען!

נאר דערנאך איז געקומען דער חושך הגלות, אדער ווי ער רופט דאס אן,

במילא, אפילו אז ס'וועט נעמען צייט ביז וואנענט ער וועט דאס פארשטיין בשכלו -איז דאס מערניט וואס דאס וועט געווערן נאך א שטיקל צייט ביז וואנענט ער וועט דאס פארשטיין, ס'איז אבער א זיכערערע זאך, אז דאס איז די זאך מיט וועלכע זיינע זיידעס און באבעס האבן געלעבט, און זיך מוסר-נפש געווען, ולפנ"ז צענדליקער דורות,

און אפילו לויט "יצרו אנסו", אז וואס גייט ער טאן א זאך איידער ער פארשטייט דעם טעם, ער איז דאך א בעל שכל -

איז דאך די שאלה אין דערויף מערניט: צי וועט ער האבן א טירחא אדער ער וועט ניט האבן קיין טירחא, ס'איז אבער ניט אן ענין וואס ס'קען אים איינפאלן און אימעצער וועט אים מסביר זיין, אַז דאס איז אן ענין וואס זיין זיידע און באבע, און צענדליקער פון זיי און בדומה להם, האבן זיך אויף דערויף מוסר-נפש געווען.

טז. וואס דאס איז, כאמור, איינער פון די לימודים פון דעם יום הגאולה וואס איז ארויסגעקומען לאחרי מאסר הכי מבהיל, און לאחרי עונש הכי מבהיל דער עונש הגלות,

אז דאס ווערט א כ"ש וק"ו:

מה-דאך וואס דער איד, און וואס ער האט געזאגט, אז זיין ענין איז א דוגמא צו דער גאולה פון כל ישראל, נוסף אויף "חובבי תורה ומצוה" - אויך אט די וואס "בשם ישראל יכונה", אז זיי זאלן אויך וויסן, אז זיי גייען צוזאמען מיט אים ארויס פון דעם גלות, אין דעם זעלבן אופן, אין דער זעלבער גאולה -

האט ער די הבטחה פון א אידן וואס איז געווען אן איש אמיתי, און בשעת ער האט געזאגט א זאך איז א זיכערער זאך אז ער האט געזאגט אמת,

עאכו"כ אז ס'איז געווען א זאך וואס ער האט דאס געשריבן און מפרסם געווען, און געהייסן מ'זאל דאס דרוקן און מפרסם זיין בשמו ובחתימתו - איז דאך א זיכערע זאך אז ס'איז געווען זיכער ביי אים, אז דאס איז אמת, [און] ניט סתם אמת, נאר אמת לאמיתתו,

און ס'איז אויך ביי אים געווען זיכער, אז מיום ליום ומשנה לשנה וועט מען זיך נאך מערער איבערצייגן ווי אזוי די גאנצע זאך איז אמת,

און אמת - ניט נאר אלס כללות הענין, נאר אויך אין פרטים.

וואס דערפאר, אז מ׳קומט צו א פרט און מ׳זאגט אים, אז בנוגע צו י״ג עיקרים איז ער מקבל אויף זיך; בנוגע מצוות מן התורה, מ״ע אדער מל״ת, איז דאס א מצוות מה״ת - וועט ער טאן; בנוגע ענינים פון ״דברי סופרים״ - וועט ער טאן, אבער ״מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״, און מנהגי ישראל וכיוצא בזה - וויל ער זיך מיישב זיין!

זאגט מען אים: דער רמב״ם פסק׳נט, [אַז] א זאך וואס איז נתפשט געווארן אין תפוצות ישראל, און נתקבל געווארן - האט דאס א תוקף פון א מ״ע מיט א מצות ל״ת!

וואס דער רמב״ם איז דאך געווען דער ״מורה הנבוכים״ בדורו, און דערנאך איז דאך דער ספר דא עד היום הזה, און ער איז ״מורה הנבוכים״ בדורנו,

ביז וואנענט, אז בשעת מ׳ווייס, אז אין מורה נבוכים שטייט שוין דער ענטפער אויף דער קשיא - איז די קשיא אים ניט מבלבל, ווארום ער ווייס, אז ס׳איז דא דער תירוץ, ס׳דארף נאר נעמען צייט ביז וואנענט ער וועט באקומען דעם ספר, און וועט אין אים לערנען, און וועט זיך מתייגע זיין ביז וואנענט ער וועט פארשטיין דעם פירוש הדברים, אבער ער האט געהערט פון מומחים לאותו דבר, אז די זאך איז שוין פארענטפערט געווארן,

און מ׳זאגט בפירוש אז דאס רעדט זיך וועגן ״נבוכים״, במילא איז דאך פארשטאנדיק, אז עפעס האט בא זיי געפעלט און זיי זיינען געווען ״נבוך״, און מ׳זאגט, אז אט די ״נבוכים״ - באוויז מען זיי א ״מורה״, א וועג, ווי אזוי זיי זאלן צוקומען צו דעם אמת, ביז צום אמת לאמיתתו.

יז. וואס דאס איז, כאמור, בנוגע צו דער הוראה צו מעשה בפועל פאר יעדערן,

ובפרט נאך, אז מ׳קלייבט זיך צוזאמען כמה אידן צוזאמען - באקומט מען דאך דעם זכות און תוקף פון א צבור,

ובפרט נאך, אז מ׳קלייבט זיך צוזאמען אין ״בית הוי׳״, אין אַ ד׳ אמות אין א בנין ״שמגדלין בו תורה״ ו״מגדלין בו תפלה״, וואו מ׳דאוונט און מ׳לערנט,

ובמיוחד - אין די ד׳ אמות וואו דער בעל הגאולה האט געדאוונט און געלערנט, און וויבאלד אז ״זרעו בחיים״ איז ״אף הוא בחיים״, ו״קדושה אינה זזה ממקומה״ -

איז דאך א זיכערע זאך אז דאס לייכט, ער דארף נאר ח״ו ניט פארשליסן זיינע פענסטער און זיינע טירן, וועט דאס זיכער ביי אים אויך ליכטיק ווערן, ביז ער וועט דאס אויך זען בעיני בשר.

און ס׳וועט צוקומען פון די התעוררות פון יום גאולה זה - א תוספת גאולה, כאמור לעיל, אז יעדער איד בטבע, ביז אין טבע הגשמי - איז ער א בן חורין - אזוי איז דאס ע״פ דין פון תורת אמת, און תורת חיים - הוראה בחיים.

וועט אים צוקומען נאך מער, און נאכמער בגלוי, און נאך מער אור, מיט נאך מער ליכטיקייט און מיט נאך מער חיות, אז יעדער איד איז א בן חורין לגמרי, און קען טאן אלץ וואס ס'שטייט אין תורה ומצוותי', און נאכמערערע - טאן בשמחה ובטוב לבב, כלשון הכתוב אז "עבדת את ה' אלקיך" דארף דאס זיין "בשמחה ובטוב לבב",

וואס דאס אלץ וועט נאכמער זירוז צו דער הכנה, און הכנה צו קיום היעוד, צו עבודת ה' ב"שמחת עולם על ראשם", ובטוב לבב, ווארום ס'וועט בטל אינגאנצן דער ענין הגלות,

דורך דערויף וואס מ'שטעלט אריין "אלופו של עולם" נאך זייענדיק אין גלות - ווערט דעמולט, נאך זיינענדיק אין גלות צוזאמען מיט "אלופו של עולם", ווערט דאס דער ענין הגאולה,

ווי ס'איז געווען "כימי צאתך מארץ מצרים", איז דאך דעמולט געווען "לכל בני ישראל הי' אור במושבותם", ווי זיי זיינען נאך געווען אין ארץ גושן, אין ארץ מצרים,

נאכמערער: אפילו ווי זיי האבן געהאט צוטאן מיט די מצרים, און אריינגעגאנגען אין בתים פון די מצרים, דערציילט תורה, אז אויך דארט איז בא זיי געווען ליכטיק,

אט אזוי איז אויך אין ימי הגלות, אז מ'האט צוטאן מיט ניט-אידן,

ובפרט נאך בימינו אלו, אז דער אויבערשטער האט געהאלפן און מצליח געווען, אז די מלכות איז א מלכות של חסד, און ניט נאר זי שטערט ניט ח"ו צו אידשקייט, נאר אדרבא - זי איז נאך מסייע לזה, און מסייע אין אן אופן פון הולך ומוסיף -

איז דאך פארשטאנדיק, ווי אזוי ס'איז נאכמערער דער "לכל בני ישראל הי' אור במושבותם", ווי מ'געפינט זיך נאך אין גלות, וואס דאס איז די "מושב" פון אידן אין אן אופן של ארעי, קודם ביאת משיח צדקנו.

און דאס הילט נאכמערער צו, אז אלע אידן צוזאמען, אין אן אופן פון "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", ו"לא עכבם הקב"ה אפילו כהרף עין", ווי ס'איז געווען "כימי צאתך מארץ מצרים",

וואס אזוי וועט זיין בפשטות, ווארום אין הלכה אין אין מעשה בפועל איז דער עיקר דער פשט ההלכה און דער מעשה בפועל פון הלכה - אז "מיד הן נגאלין", ו"כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות",

"והקיצו ורננו שוכני עפר", והם בתוכם - דער בעל הגאולה און זיינע תלמידים וואס האבן זיך מיט אים צוזאמען מוסר-נפש געווען במדינה ההיא, און דערפאר אויך געהאט אויף זיך די עונשים של ענין פלוני אדער ענין פלוני, ביז צו קידוש השם ברבים, וועט זיין כאמור, ס'וועט זיין דער "והקיצו ורננו שוכני עפר", ניט סתם "הקיצו", נאר אויך "ורננו שוכני עפר",

און מ׳וועט גיין אלע צוזאמען, בשמחה ובטוב לבב, בגאולה האמיתית והשלימה, לארצנו הקדושה, תבנה ותכונן במהרה בימינו ממש. ע״כ נבדק.

ניגנו ניגון התוועדות.

• • •

**שיחה ג**

יח. ווי גערעדט פריער, אז ע״פ הלכה, במילא ווערט דאס אזוי אויך אין א מנהג ישראל - אז לכל לראש קומט אן ענין וואס דאָס איז פארבונדן מיט דעם זמן און א הלכה וואס איז פארבונדן מיט דעם זמן,

אין דערויף גופא קען דאך אבער זיין כמה פרטים, ווי אין הלכה אין שו״ע קען דאך זיין א סימן וואס האט אין זיך כמה סעיפים,

אזוי אויך בהנוגע לענינינו - די ענינים וואס דער בעל הגאולה האט געמאנט, און האט זיך אויף דערויף מוסר-נפש געווען - איז דאס געווען ״רבים הם״: הפצת התורה והיהדות בכלל, כמבואר ומפורט ומסופר, און שוין אויך אפגעדרוקט;

אפילו אז ס׳איז געווען ענינים וואס יש להם ״דין קדימה״ וכיוצא בזה - זיינען זיי לכאורה אויך געווען רבים.

איז אין דערויף גופא אבער אויך דא דער דין, אז אין דעם סימן גופא האט א קדימה די הלכה - וואס איז נוגע ברגע זה ממש,

אזוי אויך פארשטאנדיק אין דער מסירת-נפש פון בעל הגאולה, וואס דערפאר איז געקומען דער מאסר, און דערנאך אעפ״כ האט מען אים באפרייט,

וואס דורך דערויף איז געווארן די הדגשה, אז יעדער איד האט דעם רשות ויכולת והבחירה צו טאן אין דעם, ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן -

איז דאס געווען - דער ענין החינוך, וכמבואר ומסופר, און שוין אויך געדרוקט.

אע״פ וואס בכללות, מפני כמה סיבות - האט ער זיך דאך פארנומען מיט כשרות און מיט טהרת המשפחה און מיט בויען מקוואות, און בויען בתי-כנסיות און בתי מדרשות, מיט כל עניני תורה ויהדות;

דאס וואס ס׳איז געקומען דער מאסר בפועל ובגלוי ובהדגשה - איז דאס געקומען איז צוזאמענהאנג דערמיט מיטן ענין החינוך,

און אין חינוך גופא - ניט חינוך גדולים, אבער בגלוי ובכתב האשמה וכיוצא בזה איז געווען - פארוואס מ׳טוט און מ׳פארשפרייט דעם ענין פון חינוך פון קטנים, ״עוללים ויונקים״.

וכמבואר ומסופר אין די רשימות פון בעל הגאולה עצמו, און נאכמער מסופר - דורך די וואס האבן זיך דעמולט משתתף געווען בעבודתו הקדושה, און האבן געוואוסט וואס איז געווען די טענה און וואס איז געווען דער עיקר מס"נ? - פארנעמען זיך [מיט] באווארענען דעם חינוך פון קליינע אידישע קינדער,

און באווארענען דאס - לאו דוקא אין דער גרויסער שטאט וואו ער האט געלעבט, אדער אין גרויסע שטעט כיוצא בזה, נאר - לייגן די גאנצע מס"נ אויך אין א פינה נדחת, אין א פארווארפענער שטעטל און אין א פארווארפענעם ווינקל אין דער שטאט גופא -

אע"פ וואס דארט געפינען זיך ניט אויף אזויפיל אידן, און מצד דערויף וואס זיי געפינען זיך אין א סביבה פון ניט-אידן, איז דאך א ספק הכי גדול, צי בשעת מ'וועט זיך מוסר-נפש זיין אויף זייער חינוך - צי וועט דאס האבן א המשך און א קיום - וויבאלד אז זיי לעבן אין א סביבה, אין א שטעטל, אדער אין דער שטאט גופא - אין א שכונה, וואס דארט איז דא זייער ווייניק שומרי תורה ומצוה אדער - גארניט דא קיין שומרי תורה ומצוה.

וואס דאס איז דאך געווען דער עיקר הטענה, אז אויב מ'וויל טאן שוין אין עניני חינוך - דארף מען דאס טאן לאחרי אז "ידע הנער" דעם חילוק "בין טוב לרע ובין מר למתוק": בשעת דער קינד וועט ווערן שוין א בעל-שכל און מ'וועט אים געבן צו פארשטיין - וועט ער אויסקלייבן, בבחירתו החפשית, וועלכן דרך ער וויל אויסקלייבן, צי "ובחרת בחיים" - די וועג פון אידישקייט, אדער, ר"ל, דער היפך'דיקער וועג;

נעמען קליינע קינדער, "בטרם ידע הנער" דעם חילוק פון טוב ורע, און דער פאטער זיינער, אדער דער זיידע אדער די באבע, זאלן אים ארייננשמוגלען אין א חדר, און געבן אים, און דערציילן אים און לערנען מיט אים ענינים פון אידישקייט - איז דאס היפך פון "פרידאָם", היפך פון חירות, און מ'נויט דעם קינד, ער זאל גיין אין א וועג נאך איידער ער קען דאס אויסקלייבן, און וויסן אז ער וויל דאס און אַז ער מיינט דאס, און וויסן עכ"פ וועגן וואס ס'רעדט זיך,

און דערפאר איז געווען דער עיקר הטענה. און דערפאר איז געווען דער עיקר המאסר.

און דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז אין וואס איז געווען בעיקר נוגע די גאולה? - איז דאס געווען נוגע - אין דעם עיקר המאסר איז געווען דער עיקר הגאולה.

יט. וואס דערפון האט מען גלייך דעם אויסקלייבן אין דעם "סימן" גופא, אין די "הלכות" גופא, אין די ענינים גופא - וועלכער ענין האט א דין קדימה? - איז אט דאס, וועו ס'רעדט זיך וועגן חינוך פון קליינע קינדער, פאר בר-מצוה אדע פאר בת-מצוה, אדער נאך קלענער,

אז שוין אויף דערויף דארף מען זיך מוסר-נפש זיין, כדי אז זיי זאלן באקומען דעם חינוך וואס איז מתאים לויט זייער עצם מציאות און לויט זייער פנימיות הנפש,

וואס דעמולט וועלן זיי אויסוואקסן גאנצע קינדער, ניט קיין "צעשפאלטענע" מיט מחלוקת'ן בנפשם פנימה וכיוצא בזה,

און ניט אפשטעלן זיך פאַר קיינע מניעות ועיכובים.

און זיין אויך זיכער:

מ'זעט בטבע בני אדם, אפילו ווען ער טוט א גוטע זאך, און ער איז זיכער בא זיך אז ער דארף זיך אין דערויף פארנעמען; בשעת ער זיכער אז ער וועט מצליח זיין - אט דעמולט, איז זייענדיק א נברא, און א נברא מיט א באשימטן טבע, איז בשעת ער איז זיכער אַז ער וועט מצליח זיין - טוט ער מיט מער זריזות און טוט דאס מיט מער באגייסטערונג און מיט מער שטורעם, ווי מ'זעט דאס, כאמור, מעשים בכל יום, וואס ס'איז "מעשה רב".

האט מען אויך די פארזיכערונג פון דעם סיפור הגאולה פון דעם בעל הגאולה, אז ער האט דערנאך מצליח געווען; ס'האט געדויערט א טאג אדער צוויי אדער לענגער - ער האט אבער מצליח געווען,

ועד כדי כך - אז מ'זעט איצטער פירות ופירי-פירות, אויך צווישן די איצטיקע וואס זיינען דא פארזאמלט - איז דא פירות ופירי-פירות.

זינט דעמולט איז דאך דורכגעגאנגען צענדליקער און צענדליקער יארן, וואס לכאורה האבן זיי קיינמאל ניט געזען קיין מעמד ומצב פון חירות אין זאכן פון אידישקייט, האָבן קיינמאל ניט געקענט גיין אין א בית חינוך אדער אין א בית-ספר וואס איז פארבונדן מיט אידישקייט בגלוי, און געווען גאר אַזעלכע וואס אפילו בסתר האבן זיי געלעבט אין אזא שטאט וואס ס'איז דארטן די גאנצע מציאות ניט געווען -

דורך דערויף אבער וואס ס'איז געווען די התחלת הפעולה דעמולט, וואס מען מ'האט אויפגעהאדעוועט בעלי מס"נ, תלמידיו, וואס "לבניך - אלו התלמידים", וואס דעמולט איז אין זיי געווען, וויבאלד אז "זרעו חי", איז דאס גופא איז א הוכחה אז "הוא בחיים", האט ער אין זיי געלעבט און זיי באלעבט, אז זיי האבן דערנאך אוועקגעפארן אין דער שטעטל, אדער אין דער שטאט אין א פינה נדחת, און דארט געזוכט און ארויסגעזוכט און געפונען אן אינגעלע אדער א מיידעלע, און דערנאך אים געבראכט "ומעמידו על האמת", און מ'האט אים מחבר געווען און מגלה געווען די נשמה וואס געפינט זיך אין אט די קינדער,

און זייערע קינדער - - אט דאס איז געווען מיט 30 יאר אדער 40 יאר אדער 50 יאר צוריק, וואס זייערע קינדער - איז דא אַזעלכע וואס געפינען זיך אָט דא צווישן די מתוועדים, עאכו"כ וואס זיי געפינען זיך, כמה מהם, אין ארצנו הקדושה,

עאכו"כ אז ס'געפינען זיך כמה מהם מאחורי "מסך הברזל", ווי דאס ווערט אנגערופן בלשון המדינה [צוזאמען מיט דער באווארעניש, אז "אפילו מחיצה של ברזל אינה מפסקת בין ישראל לאביהם שבשמים"] - איז בא זיי לעבעדיק און ס'ווערט אנגעלעבט, און ס'קומט אראפ במעשה בפועל כאמור לעיל - ווי מ'זעט דאס דא, ווי מ'זעט דאס בכמה מדינות און ווי מ'זעט דאס, עאכו"כ, אין לעבעדיקע מענטשן בארצנו הקדושה, און ווי מ'זעט דאס אין אן אופן המתאים מאחורי "מסך הברזל".

וואס כאמור, בשעת א איד זעט ווי אזוי מ'האט אין דערויף מצליח געווען, און זעט דאס בעיני בשר - איז דעמולט, בטבע פון זיין נפשו הבהמית, און דאס פועל'ט אויך אויף זיין יצר - אז ס'ווערט ווייניקער די שוועריקייטן בא זיך פועל זיין ער זאל טאן כדבעי, [ווי די גמרא זאגט אין כתובות מיטן גאנצן שטורעם],

וואס דעמולט קומט אויך ארויס די הצלחה כמ"פ ככה.

כ. בפרט נאָך אַז דאָס איז אויך אַן ענין שהזמן גרמא בפשטות, וואָס איצטער הויבט זיך אָן דער זמן וואָס ס'ענדיקן זיך, מסיבות שונות ומשונות, היפך המציאות: "התורה היא חיינו", במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז לימוד התורה - אָט דאָס איז דער חיות פון יעדער קינד און אַלע קינדער:

מאַכן אַ חילוק באַ קינדער, אַז בשעת ס'איז דאָ דער זמן - די צען חדשים אָדער ניין מיט אַ האַלבן חדשים - וואָס די חדרים און ישיבות און תלמוד-תורה'ס זיינען אָפן, אָט דעמאָלט דאַרף מען אים געבן חיים; בשעת אָבער דער זמן ענדיק זיך - איז אַ רחמנות אויף אים, דאַרף ער זיך אָפּרוען! פון וואָס דאַרף ער זיך אָפּרוען? - פון "התורה היא חיינו"!

דאָס איז דאָך אַ ווילדקייט שאין כמוה! - ניט אַ זאַך פון פרומקייט; ס'איז אַ ווילדקייט שאין כמוה! אַז ס'קומט צוגיין אַ פּאָר חדשים, אָדער אַכט וואָכן אָדער זעקס וואָכן וכיוצא בזה, זאָגט מען דעמאָלט: וויבאַלד אַז מסיבות שונות ומשונות,

- וואָס באמת האָט מען געדאַרפט מרעיש-עולמות זיין: היתכן, אַז ס'איז דאָ אַ חדר אָדער אַ בית-ספר אָדער אַ תלמוד-תורה וואָס שליסט זיך אינגאַנצן בימי הקיץ?! וואָס הייסט מ'שליסט אַ בית-חיים, אַ בית החיים - למעליותא - פון "התורה היא חיינו", קומט צוגיין אַ טאָג אין יאָר וואָס ער איז געשלאָסן. און ניט נאָר אַ טאָג - נאָר וואָכן! און ניט נאָר וואָכן - נאָר חדשים!

כא. די טענה: ס'איז ניטאָ קיין געלט - וואָס הייסט ס'איז ניטאָ קיין געלט?! אַ זאַך וואָס ס'איז פאַרבונדן מיט לעבן, און פאַרבונדן מיט לעבן פון קינדער, וואָס דער לעבן פון קינדער איז דאָס פירות וואָס עושה פירות, דאָס איז דאָך "זרעם וזרע זרעם" עד סוף כל העולם:

בשעת מ׳גיט אים לעבן, אפילו ווען ער לעבט בלאו הכי, נאָר מ׳פאַרשטאַרקט זיין לעבן, במילא איז ער שטאַרקער און געזינטער - איז אָט דעמאָלט פועל׳ט דאָס אַזוי ווען ס׳וועט קומען דער זמן און ער וועט אויפבויען אַ בנין בישראל, חתונה-האָבן און וועט האָבן חיים משפחתיים - וועט דאָס ניתוסף ווערן און ס׳וועט זיין ניכר אין זיין חיי משפחה און אין זיינע בנים ובנות וואָס וועלן ביי אים געבאָרן ווערן.

כב. און דערנאָך קומט מען צוגיין און מ׳טענה׳ט: אַזוי ווי ס׳איז געקומען צוגיין זומער-צייט, דאַרפן זיך די מלמדים אָפּרוען, במילא, אפילו אויב אויף די מלמדים וויל מען ניט רחמנות-האָבן - דאַרף מען רחמנות-האָבן אויף די קינדער: זיי האָבן זיך געמאַטערט צען חדשים אין יאָר, און געגאַנגען יעדער טאָג - אָדער זעקסט טעג אַ וואָך אָדער פינף טעג אַ וואָך - און געלערנט תורה, און מ׳האָט זיי צוגענומען, ניט געלאָזט זיי שפּילן זיך די צייט - על כל פנים האָט רחמנות אויף די קינדער, זאָלן זיי האָבן אַן אָפּרו.

ס׳איז ניט שייך זאָגן קיין אָפּרו פון לעבן! דאָס איז פונקט דער היפך פון אָפּרוען.

אפילו אַז ס׳איז דאָ לעבן, אָבער דער לעבן איז אַ געמוטשעטער, רח״ל, ער לערנט תורה פון יוצא-וועגן, מערניט ווי אַ פּאָר מינוט אינדערפרי און אַ פּאָר מינוט פאַרנאַכט, און דעם גאַנצן טאָג הייסט מען זיך אים שפּילן - איז דאָס אויך אַ לעבן: ״פרק אחד שחרית״ און ״פרק אחד ערבית״ קען מען דערמיט יוצא-זיין ניט נאָר דעם ענין פון לימוד התורה, נאָר אויך דעם לימוד התורה אין דעם אופן פון ״לא ימוש ספר התורה הזה מפיך״ סיי ״יומם״ און סיי ״לילה״. אַזוי איז דער דין ביי אַזאַ וואָס אי אפשר אַנדערש.

בשעת ס׳רעדט זיך וועגן קינדער, וואָס האָבן ניט קיינע טירדות הפרנסה, און זיי קענען לערנען תורה מערער מיט אַ שעה, על כל פנים מערער מיט אַ האַלבע שעה, אָדער על כל פנים מערער מיט אַ המשך זמן - זאָל קומען צוגיין אַ פּאָטער אָדער אַ מוטער און זאָגן: ס׳איז אַ רחמנות אויפן קינד, ער האָט זיך ״אָפּגעמאַטערט״ די צען חדשים? - ער האָט זיך ניט געמאַטערט די צען חדשים; ער איז געוואַקסן די צען חדשים! און האָט געלעבט אין די צען חדשים, און האָט געלעבט מיט אַזאַ לעבן וואָס וועט דערנאָך פועל זיין ביי אים ״גם כי יזקין לא יסור ממנה״. און ער וועט אַזוי אויך אויפטאָן און פועל זיין באַ זיינע קינדער און באַ זיינע קינדס-קינדער.

און אָט דאָס וויל מען אָנרופן בשם ״אויסגעמאַטערט״ און ״פאַרמאַטערט״, און מ׳דאַרף זיך ״אָפּרוען״. רחמנא ליצלן פון אַזאַ רעדן. עאכו״כ אַז דער דיבור ברענגט לידי פעולה.

אלא וואָס דען, די מלמדים זיינען פאַרמאַטערט? - אויב אפילו דאָס איז דער אמת אַזוי, אַז זיי זיינען פאַרמאַטערט פון דעם לערנען, איז דאָ די עצה, ווי די גמרא זאָגט אויף ר׳ יוחנן, אַז בשעת ער איז געוואָרן פאַרמאַטערט פון דעם לערנען, איז האָט ער

זיך אַוועקגעזעצט אין אַזאַ אָרט, אַז אידישע קינדער זאָלן געבאָרן ווערן אין אַזאַ ציור און אין אַזאַ אופן ווי ר' יוחנן איז געווען.

וואָס באַ ר' יוחנן איז געווען, אַז ער האָט געלערנט תמיד, יומם ולילה!

וואָס דאָס איז געווען ווען ער האָט זיך פאַרמאַטערט פון לערנען. איז אין וואָס איז באַשטאַנען דער אָפּרו? - פועל זיין פעולות אין אַזאַ אופן ס'זאָל געבאָרן ווערן אידישע קינדער וואָס זיי זאָלן זיין דערנאָך הנהגתם בחיי יום-יום מיט תורה ומצוותי'.

כג. וכאמור, תורה איז ניט געגעבן געוואָרן חס ושלום אויף מאַטערן אידן. תורה איז געגעבן געוואָרן אַז ס'זאָל זיין גוט אויך אין חיים גשמיים.

- מ'טאָר דאָס ניט מאַכן חס ושלום פאַר אַ תנאי, אָבער מ'האָט די הבטחה אין תורה, וואָס זי איז "תורת אמת", אַז לימוד התורה און קיום מצוותי' איז פאַרבונדן מיט "ונתתי גשמיכם בעתם", מיט אַלע ברכות ווי אויסגערכנט אין פרשה.

אָט דאָס וואָס מ'זעט אַמאָל אַז די הנהגה איז באופן אחר - איז דאָס וואָס ס'פעלט אין בני חיי ומזוני רוויחי, אַז ס'זאָל זיין ניט אַזויפיל רוויחי וויפל ס'האָט געקענט זיין - איז דאָס ניט דערפאַר וואָס ער האָט געלערנט תורה; דאָס איז מצד אַנדערע סיבות, און ווען ער וואָלט געלערנט תורה כדבעי - וואָלט דאָס מבטל געווען די סיבה! אַז ער האָט ניט געטאָן דעם ענין וואָס איז מבטל די סיבה המונעת, וואָס רירט-אָן אין דעם "רוויחא" פון בני חיי און מזוני - האָט ער מבטל געווען דעם דבר המבטל די סיבה, במילא האָט די סיבה געפּועל'ט.

דערנאָך קומט צוגיין דער "מלך כסיל", און רעדט אים איין אַ כסילות, אַ נאַרישקייט, אַז ער זאָל פאַרבינדן אָט דאָס וואָס ס'פעלט - מיט דעם ענין דורך וועלכן ס'קומט אים אָן דער בני חיי ומזוני רוויחי!

און דער חושך פון גלות איז אויף אַזויפיל כפול ומכופל, אַז ס'קען זיין אַ מציאות אַז דאָס זאָל זיך ביי אים צונעמען די הסברה!

בשעת מ'זעט רחמנא ליצלן אַז ס'איז דאָ אַן "עור" אין רוחניות - איז אַ חיוב אויף יעדער אידן "לפני עור לא תתן מכשול". איז דער דין אין דערויף אַזוי - ניט נאָר דער פשט - אַז ער טאָר ניט נעמען קיין שטיין און אַוועקלייגן בדרכו, נאָר די הלכה איז, אַז בשעת ער זעט אַז ס'גייט אַן עור, און ער האָט אַליין אַוועקגעלייגט אַ שטיין, אַ מכשול, בדרכו, איז אַ חיוב אויף אַ צווייטן אידן און אויף יעדער אידן, ער זאָל טאָן כל התלוי בו - לויט אָט דעם דין אַלס הלכה פסוקה אין שולחן ערוך - אויף צונעמען דעם שטיין, אף על פי וואָס יענער האָט דאָס אַליין אַוועקגעלייגט בדרכו, מפני איזו סיבה שונה ומשונה שהיתה.

וואָס אין להאריך בדבר הפשוט. דאָס איז ניט אַ דין אין שולחן-ערוך דוקא ביי אידן; אַז מ'נעמט יעדער ניט-איד, אַ בן-נח, וואָס פירט זיך על-פי הצדק והיושר - מאָביליזירט

ער די גאַנצער פּאָליציי פון דער שטאָט און הייסט זיי טאָן כל התלוי בהם - ניט צולאָזן אַ מענטשן ער זאָל זיך אַליין מזיק זיין !

אפילו ווען דער מענטש שרייבט ככרוכיא, אַז דאָס איז זיין אייגענער ענין און זיין אייגענער לעבן, און מ׳זאָל זיך צו אים ניט מישן זיך ; ס׳איז ניט דעמאָקראַטיש - פירט מען זיך, כאמור, אין יעדער שטאָט, אין יעדער מדינה, אין יעדער שכונה וואו ס׳איז נאָר דאָ אַ הנהגה פאַרבונדן מיט ״לשבת יצרה״ ווי ס׳דאַרף זיין אין וועלט - אַז מ׳לייגט איין די גאַנצע וועלט, און מ׳פאַרשמועסט אים און מ׳רעדט מיט אים וכו׳, ביז וואַנענט מ׳קען אים מכריח זיין און צוענעמען אים פון דעם מקום המכשול.

וואָס דאָס איז, כאמור, דאָס איז מעשים בכל יום, ניט פאַרבונדן מיט קיום השולחן ערוך פון אידן - אַזוי פירן זיך יעדער פון אומות העולם, אָט די וואָס טראַכטן וועגן ״לשבת יצרה״.

כד. וואָס דאָס איז, כאמור, דער ענין שהזמן גרמא, אַז ס׳איז דאָ אַזעלכע וואָס טראַכטן, אַז וויבאַלד אַז ס׳קומט זומער-צייט - ווי מ׳רופט דאָס אָן - במילא זומער-צייט דאַרף זיין זמן החופש, אַ פרייע צייט, במילא איז וואָס מיינט מען פרייקייט ? - באַפרייען פון לימוד התורה און פון אידישקייט, פון קיום מצוותי׳ -

רחמנא ליצלן, דאָס מאַכט מען אים פאַר אַן ״עבד לעבדים״ צו דעם יצר-הרע און צו די גוי׳אישקייט ! פונקט דער היפך פון ״חופש״ !

נאָר דער עבדות איז עד כדי כך גרויס, אַז מ׳האָט זיך איינגערעדט, אַז די עבדות - אָט דאָס איז זיין אמת׳ע חירות !

און וויבאַלד אַז דאָס האָט קיין אָרט ניט אין מציאות, ס׳איז מערניט [ווי] אַ זאַך פון חושך - איז דאָך ידוע ווי מ׳חקירה׳ט - - ס׳איז גאָר דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז חושך איז בכלל קיין מציאות ניט ; אפילו די וואָס זאָגן, אַז חושך האָט אויך אַ מציאות, ״וימש חושך״ - איז אָבער אויך לשיטתם איז ״מעט אור״ איז ״דוחה הרבה חושך״ :

מ׳וועט אַריינברענגען אַ ביסעלע ליכטיקייט צו אַ אידן אין הויז, וואָס פאַר אַ איד ס׳זאָל ניט זיין און אין וואָס פאַר אַ מעמד ומצב ער זאָל זיך ניט געפינען - איז אַ זיכערע זאַך, אַז ער וועט לויפן ״לעשות רצון קונו״.

עאכו״כ ווען ס׳רעדט זיך וועגן אייגענע קינדער, וואָס ווי מ׳זעט דאָך בטבע, אַ פאָטער מיט אַ מוטער ווי זיי זאָלן זיך אויסרעכענען אין דעם מיט אַן איבעריקע טירחא בנוגע צו זיך אַליין, צי ס׳איז כדאי די טירחא צוליב אַזאַ סאָרט הנאה, בשעת ס׳רעדט זיך וועגן אַן אייגענעם קינד, ואדרבא, בשעת דער קינד איז נאָך אַ קליינער - איז אָט דעמאָלט ״כל אשר לאיש יתן״ אַבי צו פאַרשאַפן זיינע קינדער מער הנאה, עאכו״כ מער לעבן, עאכו״כ מער שטאַרקייט אין דעם לעבן.

מ'דאַרף זיי נאָר "מעמידם על האמת", וואָס ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס מ'דאַרף צו זיין קומען און זיי דערציילן דערפון;

בשעת ס'קומט אָבער אַ זמן זכאי, ווי כאמור דער ענין פון יום הגאולה, וואָס דעמאָלט איז געוועזן די גאולה פון אַ מאסר בעיקר אויף דעם חינוך פון "עוללים ויונקים", און מ'האָט מנצח געווען און מצליח געווען, און מ'זעט איצטער פירות און פירי-פירות וואָס זיי וועלן ווירקן אין דער ריכטונג עד סוף כל העולם -

איז אַ זיכערע זאַך, אַז מ'וועט רעדן ב"דברים היוצאים מן הלב" וועט דאָס זיין זיכער "נכנסים אל הלב" ופועלים פעולתם,

און מ'וועט זען אַז אַלע אידישע קינדער זאָלן ניט נאָר ניט ממעט זיין אין לימוד התורה אין ימי החופש, נאָר אדרבא, וויבאַלד זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון לימוד חול, איז אמת טאַקע, אַ טייל [דערפון], מצד איזו סיבה שתהי', גייט אַוועק אויף שפילן זיך, און דורך דערויף מחזק זיין די בריאות הגוף, [וואָס דאָס איז דאָך אויך אַן ענין של קדושה: דאָס רעדט זיך וועגן אַ גוף קדוש פון אַ גוי קדוש, וואָס דער גוף אַליין איז קדושה], אָבער אַ טייל דערפון זאָל אויך ניתוסף ווערן אין לימוד התורה,

און - לימוד התורה אין אמיתית לימוד התורה, וואָס "גדול לימוד שמביא לידי מעשה", אַז דער קינד וועט מוסיף זיין אין מעשה על פי התורה, דאָס הייסט אין קיום המצוות בפשטות.

וואס אע"פ וואס ער וועט דאס טאן דערווייל משום חינוך, איז דאך דאס אבער אזא סארט חינוך ע"פ תורה - האט מען די הבטחה פון תורה, אז "חנוך לנער" ווערט דערנאך "גם כי יזקין לא יסור ממנו",

און נאכמערער, דאס ווערט אויך א הכנה, מדה כנגד מדה, ווי ס'שטייט דאך אין מדרש התמוה, וואס דער רמב"ן ברענגט דאס אראפ, און ס'ווערט אראפגעבראכט בספרי מוסר ובספרי חסידות, פון ספרי, אז די מצוות פון איצטער זיינען דאס אין אן אופן [פון] "ציונים" למצו[ה], אן ענין של חינוך צו דעם זמן ווען מ'וועט מקיים זיין די מצוות "כמצות רצונך", וואס דאס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה.

וואס ווי דער ביאור זאל בזה זיין, וואס אין כאן המקום להאריך בזה, דא איז דאך נוגע דער בפועל -

איז דא אַזעלכע וואס ווילן גלייך וויסן אין וואס ס'וועט באשטיין דער שכר; ער וועט טאן די הוספה בפעולתו, ער האלט נאך ניט בא דעם מעמד ומצב, אז שכר המצות איז אים ניט נוגע - וויל ער וויסן וואס וועט זיין דער שכר, און וויל וויסן, אז דער שכר וועט אנקומען צו אים -

זאגט מען אים: דאס וועט אנקומען צו אים אין לעשות "כמצות רצונך" דורך דערויף וואס ער וועט מוסיף זיין אין מצות החינוך פון אידישע קינדער, עאכו"כ פון אייגענע קינדער,

וואס דאס וועט נאכמער מוסיף זיין אין "ציונים" למצוות - אין זיינע מצוות,

וואס דאס אלץ צוזאמען וואט נאכמערער צוהיילן, און ס'וועט זיין בקרוב ממש דער "ושם נעשה לפניך" און מ'וועט מקריב זיין קרבנות "כמצות רצונך", ועד"ז שאר כל המצוות און כל המצוות,

בבית המקדש השלישי, שיבנה במהרה בימינו ממש ע"י הקב"ה, ווי ער זאגט אין זהר, אז דער מקדש השלישי וועט זיין א נצחי דערפאר וואס ער וועט זיין א בנין "מקדש אדנ' כוננו ידיך",

במכ"ש וק"ו: מה-דאך אז משכן שעשה משה איז נצחי, עאכו"כ דער מקדש השלישי וואס וועט זיין "מקדש אדנ' כוננו ידיך",

און מ'וועט דאס נאכמערער צוהיילן, אין "אחישנה" עצמה זאל זיין אין "אחישנה" - "אחישנה", "ארו עם ענני שמיא",

און דער בית המקדש השלשי, ווי רש"י ברענגט אראפ און תוספות ברענגט אראפ, און אין זהר שטייט דאָס בפירוש, איז ער "בנוי ועומד", און ער דארף אים מערניט ווי מוריד זיין מלמעלה למטה,

וואס דאס דארף דאך ניט נעמען, ניט נאר ניט קיין זמן ארוך, אפילו קיין זמן בכלל ניט, ס'ווערט אויפגעטאן ברגע כמימרא -

זאל אזוי אויך זיין דער "נגאלין מיד", און דער ביהמ"ק שלמעלה יֵרד מיד אויך למטה, "ושם נעשה לפניך כמצות רצונך", ובמהרה בימינו ממש, בעגלא דידן.

ניגנו ניגון שמחה.

• • •

### שיחה ד

כה. ס'איז דאָך דאָ נאָך אַ גאַנצער מקצוע און אַ חלק אין די פעולות און די עסקנות פון דעם בעל הגאולה, וואָס בשעת מ'איז נאָך געווען פון יענער מדינה האָט מען זיי ניט געקענט מפרסם זיין, במילא זיינען זיי געבליבן ניט מפורסם, אָבער ס'איז דאָ רמזים בזה, אָדער קטעים בזה, אין די רשימות פון דעם בעל הגאולה, און אויך ווי ס'איז שוין דערנאָך געדרוקט פון די וועמען ער האָט זיי דערציילט, אָדער די וואָס האָבן זיך מיט אים משתתף געווען.

און דאָס איז - דעם חלק בעסקנותו אין וועלכע ער האָט געהאַט צוטאָן מיט שרי הממשלה און מיט ניט-אידן וואָס זיינען געווען בדור ההוא נאָך פון זיין פאָטער, וואָס דעמאָלט איז דאָך געווען דער רעזשים פון דעם צאַר, וואָס ער איז געווען אַ מושל אין דער גאַנצער מדינה, און אַ מושל עריץ, דערפון אויך פאַרשטאַנדיק אַז "מושל מקשיב", איז אַזוי אויך געווען זיינע שרים.

און אף על פי כן האָט מען זיך משתדל געווען בכמה דרכים ואופנים, אַז מ'זאָל מבטל זיין גזירות, על אחת כמה וכמה - מ'זאָל מלכתחילה ניט מאַכן קיין גזירות.

ביז אין אַן אופן אַז דעמאָלט איז אויך געווען אין דערויף שני אופני עסקנות:

ס'איז געווען איין אופן פון עסקנות, אַז מ'איז געגאַנגען מלמטה למעלה: מ'האָט זיך פאַרנומען מיט קלענערע און מ'האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן גיין צו גרעסערע פון זיי - פון צווישן ניט-אידן - וואָס זיי וועלן גיין נאָך העכער, ביז וואַנענט מ'וועט דערגרייכן צו דעם שר - צו דעם מיניסטער - און דורך אים אויך צו דעם קיסר, און זען אַז מ'זאָל מבטל זיין די גזירה, אָדער ניט מאַכן די גזירה וכיוצא בזה.

און דערנאָך איז געווען אַן עסקנות אין אַן אופן הפוך, ובלשון הידוע "מלכתחילה אַריבער", אַז מ'איז מלכתחילה געגאַנגען צו די שרים אַליין.

כו. וואָס דאָס איז געווען די הנהגה פון דעם רבי'ן מהר"ש, כידוע ומסופר אויף וויפל מ'האָט דאָס דעמאָלט געקענט מפרסם זיין די סיפורים; מ'איז דאָך נאָך געווען פאַרן צאַר, האָט מען זיך געדאַרפט היטן אין דערציילן די ענינים, אפילו מחוץ למדינה. אף על פי כן האָט מען דערציילט על כל פנים קטעים.

זיין הנהגה איז געווען, אַז ער פלעגט גלייך פאָרן אין עיר הבירה, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן אין פעטערבורג, און דאָרטן זוכן מעגלעכקייטן ווי אַזוי צו טרעפן זיך מיט די שרים אַליין, און דורך זיי פועל זיין, אַז מ'זאָל דערנאָך ניט צולאָזן נייע גזירות, אָדער שוואַכער מאַכן אָדער מבטל זיין די פריערדיקע גזירות.

ועל דרך זה איז געווען אויך ביים בעל הגאולה, וואָס ער איז דאָך געווען דער עסקן בימי אביו, [וואָס אביו איז געווען פאַרנומען מיט כמה וכמה ענינים, און די עסקנות בגלוי, וואו ס'איז נאָר געווען די מעגלעכקייט, האָט ער דאָס איבערגעגעבן דעם בנו יחידו, כידוע ומבואר ומסופר], איז אויך געווען זיין עסקנות,

- וכידוע ומסופר, אַז אויך בתואר פניו, אין מראה החיצוני שלו, איז ער בדוגמא געווען ווי זיין זיידע, ווי דער רבי מהר"ש.

ועד כדי כך, ווי שוין דערציילט אַמאָל בארוכה, אַז בשעת ער איז געקומען אין ארץ ישראל אויפן באַזוך הידוע, וואָס דאָס איז געווען שוין צענדליקער יאָרן לאחר הסתלקות פון רבי'ן מהר"ש, און דאָרטן האָבן נאָך געלעבט חסידים וואָס זיינען געווען

ביים רבי'ן מהר"ש, איז איינער פון זיי אַריינגעגאַנגען צו אים אויף יחידות - האָט ער גלייך אָפּגעחלש'ט.

האָט מען ביי אים געפרעגט: וואָס האָסטו עפּעס געחלש'ט מיטאַמאָל? זאָגט ער: דאָס איז קלסתר פניו ווי דעם רבי'ן מהר"ש'ס פנים. במילא האָט ער גלייך געחלש'ט וואָס ער האָט דערזען דעם רבי'ן מהר"ש, וואָס ער האָט אים ניט געזען צענדליקער און צענדליקער יאָרן...

וואָס דאָס רעדט זיך ניט וועגן אַ נביא וכיוצא בזה; דאָס האָט זיך גערעדט וועגן אַ חסיד וואָס האָט געזען קלסתר פניו בגשמיות, דערפון געלערנט וואָס ס'טוט זיך ברוחניות וכיוצא בזה. וכאמור, ס'איז ניט געווען אַ צוגעגרייטע זאַך אָדער וכיוצא בזה, און ניט אַ געמאַכטע זאַך, רחמנא ליצלן; ער איז אַריינגעגאַנגען - האָט ער גלייך אָפּגעחלש'ט.

וואָס קלסתר פניו בכלל ביי אַ מענטשן, בפרט ביי אַ אידן, בפרט ביי אַזאַ וואָס איז נולד געוואָרן בקדושה ובטהרה, איז דאָס מורה אויף די ענינים וואָס טוט זיך בפנימיות שלו, בנשמתו.

איז זיין הנהגה בפועל איז געווען אין אַן אופן פון "מלכתחילה אַריבער", אַז אויב ס'איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט - זאָל מען גיין גלייך צו דעם וואָס ער איז עומד "גבוה על גבוה וגבוהים עליהם".

וואָס אַזוי איז געווען זיין הנהגה אפילו באַ קאָמוניסטן, און אַזוי איז געווען זיין הנהגה אפילו ווען ס'איז געווען פאַרן צאַר.

כז. וואָס כאמור לעיל, איז מאיזו סיבה שתהי', איז דער פאָטער זיינער האָט זיך אויך משתתף געווען אין עסקנות ציבורית, [וואָס דאָס איז דאָך על פי שולחן ערוך איז עסקנות ציבורית נאָך העכער פון תורתו אומנתו, לכמה דיעות, ולכמה דיעות איז אַזוי דער פסק־דין],

דערנאָך אָבער, מאיזו סיבה שתהי', האָט ער איבערגעגעבן אַ חלק פון דער עסקנות ציבורית, האָט ער דאָס איבערגעגעבן לבנו יחידו, ווען זיין פאָטער איז געווען בחיים חייתו בעלמא דין.

וואָס דאָס איז געווען אַ זאַ עסקנות וואָס האָט געדאַרפט אויפגעטאָן ווערן על ידי נשיא בישראל.

וואָס אָט דאָ ווערט דאָך די שאלה: ס'איז אַ כלל אין נשיאות, אַז נשיא אחד לדור, "דבר אחד לדור", און שני. ביז וואַנענט, אַז רבי האָט געוואָלט מקריב זיין אַ קרבן נשיא - האָט מען אים געזאָגט "צרתך בבבל". על אחת כמה וכמה ווען דאָס איז ניט "בבבל", נאָר דאָס איז אין דער זעלבער שטאָט אָדער אין דער זעלבער מדינה, ביז אין דער זעלבער הויז.

כח. וואָס על דרך זה געפינט מען אויך בהנוגע צו דוד ושלמה,

וואָס דוד איז דאָך געווען דער עיקר המלכות, [בפרט נאָך על פי קבלה, איז דאָך דוד דער עיקר ספירת המלכות און שלמה איז דאָס חכמה פון ספירת המלכות. אָבער דאָ רעדט מען דאָך ווי דער ענין איז על פי נגלה],

געפינט מען אַ דבר תמוה, אַז בחיי דוד המלך, האָט דוד המלך געהייסן, אַז מ'זאָל גיין ממליך זיין שלמה'ן, און האָט געשיקט שלוחים, און האָט דאָס גענומען מיט אַ שבועה מיטן גאַנצן שטורעם, און מ'האָט ממליך געווען שלמה בפועל, און דערנאָך האָט מען מכריז געווען "יחי המלך דוד לעולם".

וואָס אָט דאָ ווערט דאָך די שאלה: על פי תורה ס'איז ניטאָ קיין מציאות פון שני מלכים.

– ס'קען זיין אַ מלך בני ישראל באַ די עשרת השבטים און אַ מלך פון בן דוד וואָס ער איז געווען באַ די צוויי שבטים, אָבער דעמאָלט איז געווען דער עיקר המלכות איז דאָס מלכי בית דוד. און ס'איז ניט שייך ס'זאָל זיין צוויי מלכים בדור אחד, עאכו"כ ווי ס'איז געווען באַ דוד ושלמה, אַז זיי זיינען דערנאָך געווען בבית אחד.

די קשיא ווערט נאָך שטורעמדיקער: שלמה איז דעמאָלט געווען אַלט צוועלף יאָר, פאַר בר-מצוה. און דוד האָט געהייסן ממליך זייך און אויך מכריז זיין בגלוי,

– טאַקע "מפני אדוניהו"; מ'קען אָבער ניט מכריז זיין מפני אדוניהו אַן ענין וואָס האָט קיין אָרט ניט אין תורה!

כט. וואָס אין דערויף איז דאָך דער ביאור,

און דאָס איז אויך דער הסבר בהנוגע צו נשיא דורינו, וואָס בשעת ער איז נאָך קודם ווי ער איז געווען אַ נשיא, [און ס'האָט דערנאָך גענומען צענדליקער יאָרן ביז וואַנענט ער איז געוואָרן אַ נשיא בפועל], ער איז אָבער געווען אַ בן יחיד, במילא איז בכלל ניט שייך אויף דערויף קיין מחלוקת; אַ בן יחיד דאַרף ניט האָבן קיין משיחה, דערפאַר וואָס ס'איז ניט שייך ביי אים קיין מחלוקת,

– אפילו ווען ער איז ניט קיין בן יחיד און ס'איז ניטאָ קיין מחלוקת, דאַרף ער אויך ניט האָבן קיין משיחה. עאכו"כ, כמדובר, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין אפשריות פון אַ צווייטן בן –

צוזאַמען אָבער דערמיט איז ניט שייך זאָגן "שני דברים לדור".

וואָס אין דערויף איז די הסברה – במכ"ש וק"ו:

כידוע ווי גערעדט כמה פעמים: דער עצם ענין פון ירושה איז, אַז דאָס איז ניט דער פשט, אַז פריער איז געווען דער מוריש, און דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען, און האָט

דאָס איבערגעגעבן דעם לוקח אָדער דעם יורש וכיוצא בזה, נאָר "תחת אבותיך יהיו בניך", [ווי די גמרא זאָגט אין בבא בתרא, און ווי גערעדט אַמאָל בארוכה ווי דער ראַגאַטשאָווער איז דאָס מבאר בארוכה] - דער יורש, אָט דאָס איז די מציאות פון מוריש.

ווערט דאָך די שאלה: ווי אַזוי קען זיין בשעת ס'איז דאָ דער יורש - אַז ס'זאָל אויך זיין די מציאות פון דעם מוריש, בפרט נאָך אויב זיי זיינעןביידע נשיאים?

איז דאָס דער פירוש, אַז אַ נשיא בישראל האָט אין זיך אויך אַן ענין, במכ"ש וק"ו אַז מ'זאָגט "עבד מלך - מלך", עאכו"כ אַזאַ וואָס ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ מלך.

דאָס איז אָבער ניט דער פשט, אַז דאָס איז אַן ענין של ירושה צו אַ צווייטן, און ס'איז ניט דער פשט, אַז אַ צווייטער ווערט אַ מלך - ס'איז ניטאָ קיין מציאות על פי הלכה פון צוויי מלכים בבת אחת, ובמדינה אחת, עאכו"כ אין די זעלבע ענינים:

פונקט אַזוי ווי ווען מ'אָלט געזאָגט דעם בעל הגאולה, אַז ער איז געוואָרן אַ מציאות פאַר-זיך - וואָלט ער זיך אַ טרייסל געטאָן און וואָלט געזאָגט אַז ער פאַרשטייט גאָרניט וועגן וואָס מ'רעדט!

אעפ"כ, ווען ער איז געגאַנגען און געטאָן בענינים - האָט ער דאָס געטאָן מיט דעם תוקף און מיט אַ מסירת-נפש וואָס אַ נשיא בישראל האָט. דאָס איז אָבער געווען אַלס אַ חלק פון אביו, וואָס ער איז געווען דער נשיא אותו הדור, ו"הנשיא הוא הכל", עאכו"כ פון בנו יחידו.

ל. וואָס על דרך זה איז געווען באַ דוד'ן און שלמה'ן:

איידער מ'האָט ממליך געווען שלמה'ן, איז באַ שלמה'ן ניט געווען די מלוכה בגלוי, אפילו ניט בהנוגע לפועל, ובפרט נאָך אַז ס'איז געווען אדוניהו, און ער האָט געהאַט נאָך ברידער אַחוץ אדוניהו; אדוניהו האָט נאָך געהאַט אָט דעם ענין וואָס ער האָט חולק געווען בגלוי.

בשעת דוד האָט אים ממליך געווען, האָט ער ניט ממליך געווען אַ צווייטן מענטשן, אַ צווייטע מציאות, אַ צווייטן אידן, אָט וואָס ס'זאָל ניט זיין - אַזאַ זאַך קען ער ניט טאָן,

ער קען אָבער מגלה זיין ביי אים און ממליך זיין אים,

בדוגמא ווי מ'זאָגט "שלוחו של אדם כמותו", איז דאָך ניט דער פשט, אַז ער איז געוואָרן אויס מציאות; ער מאַכט אַ שליח, און דער שליח איז "כמותו" [און ווי ס'שטייט אין פוסקים בכמה מקומות דער לשון "כמותו ממש"] - אעפ"כ איז ניט דער פשט, אַז דער משלח איז געוואָרן אויס מציאות. נאָכמערער - ער האָט בכח צו מבטל

זיין דעם שליח. כל זמן ער האָט אים אָבער ניט מבטל געווען - איז ״שלוחו של אדם כמותו״ אפילו בהנוגע צו קידושין.

- קידושין קען זי ניט זיין מקודש צו צוויי מענטשן. על דרך זה בהנוגע צו תוקף הגירושין -

נאָר וואָס איז דער פשט ״שלוחו של אדם כמותו״? - ס׳איז טאַקע אַ צווייטער מענטש, און ער דאַרף זיין אַ בעל-דעת בפני עצמו. [אויב ער איז אַ קטן, און דער משלח ״עומד על גביו״ - ניט דאָס איז דער ענין השליחות. ענין השליחות איז, אַז ער איז אַ בעל-דעת בפני עצמו. ניט וואָס דער משלח ״עומד על גביו״. - אפילו ווען דאָס העלפט - איז דאָס ניט אַלס שליחות].

בשעת אָבער ער איז דוקא אַ בעל-דעת, און דער משלח האָט אים אָפּגעגעבן זיין גאַנצן תוקף אַלס משלח - ווערט ער ״כמותו ממש״, און דער משלח בלייבט אַ מציאות מיטן גאַנצן תוקף.

דער תוקף דריקט זיך אויך אויס אין דעם, אַז ער האָט בכח צו מאַכן אַ צווייטן ער זאָל זיין ״כמותו ממש״. אָבער דאָס איז ניט צוויי וואָס זיינען מקדש די אשה. די אשה איז מקדש מערניט ווי איינער. ועל דרך זה בהנוגע היפך הקידושין.

על דרך זה בהנוגע צו מלוכת שלמה בשעת דוד איז געווען ״יחי המלך דוד לעולם״, איז ניט דער פשט, אַז שלמה האָט גע׳ירש׳נט און געוואָרן אַ מלך בפני עצמו - ס׳איז ניטאָ קיין צוויי מלכים בבת אחת,

דער פשט איז דעמאָלט, אַז דוד אַלס אַ מלך גיט מען אַ מלך אַ כח, אַז ער זאָל קענען מאַכן, בדוגמא ווי מ׳זאָגט בנוגע צו ״שלוחו כמותו״ - דאָס איז אָבער ניט אַן ענין פון ירושה; דאָס איז אַן ענין בדוגמא ווי ״שלוחו כמותו״, ביז אין אַן אופן [פון] ״כמותו ממש״.

לא. וואָס דאָס איז געווען, כאמור, די הנהגה פון דעם בעל הגאולה:

בחיי אביו האָט ער באַ זיך ניט פאַרנומען קיין תפיסת מקום;

בשעת דער פאָטער האָט אים געמאַכט פאַר אַ שליח, און האָט אים געזאָגט ער זאָל גיין טאָן די שליחות אין מסירת-נפש,

- מסירת נפש על פי תורה קען מען ניט אַרויפלייגן אויף אַ צווייטן אידן. ס׳איז היפך פון ״ונשמרתם לנפשותיכם״.

מ׳קען אויף אַ צווייטן אידן אַרויפלייגן אַ שליחות וואָס איז פאַרבונדן מיט לימוד התורה וקיום מצוותי׳; מסירת-נפש אויף די ג׳ ענינים וואָס ״יהרג ואל יעבור״. ס׳איז אַ דין אין תורה. אַרויפלייגן אויף אַ צווייטן מסירת-נפש אויף גיין מאַכן אַ ״חדר״ - ס׳איז

ניט פון די ג׳ ענינים וואָס ״יהרג ואל יעבור״, אָדער גיין מאַכן אַ מקוה, וכיוצא בזה בנוגע צו כשרות.

אעפ״כ איז נשיא דורינו האָט געמאַכט שלוחים, און האָט זיי געשיקט אין אַ מקום-סכנה, און רחמנא ליצלן געווען אַזעלכע וואָס זיינען טאַקע אומגעקומען אין דער שליחות, און אעפ״כ האָט ער אויפן מאָרגן ווייטער געשיקט שלוחים,

וואָרום דאָס רעדט זיך ניט וועגן שיקן אַ צווייטן - דאָס איז ״שלוחו של אדם כמותו״.

לב. ועל דרך זה איז געווען - איצטער האָט זיך שוין אָפּגעדרוקט דער סיפור - וואָס זיין פאָטער האָט געשיקט זיין בן יחיד און האָט אים געזאָגט, ער זאָל פאָרן אין עיר הבירה, אין פעטערבורג ווי ס׳האָט דעמאָלט געהייסן, און ער האָט געפרעגט: ביז וואַנענט זאָל ער דאָרטן זיין? - האָט ער אים געזאָגט: ביז מסירת-נפש!

וואָס לכאורה האָט דאָס ניט קיין פשט: וואָס הייסט ביז מסירת-נפש? געווען שנים כתיקונם, און ער האָט זיך געפירט ווי מ׳פירט זיך על פי חוקי המדינה, על אחת כמה וכמה ניט אין אַן עונש מות - האָט ער געוואַרט ביז וואַנענט ״מתי יבוא לידו ואקיימנה״!

ביז וואַנענט אַז ס׳איז געקומען ״לידו״, און מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז ס׳איז דאָ אַ גזירה, - ניט אַ גזירה פון ״ג׳ עבירות״; אַ גזירה פאַרבונדן מיט חינוך פון קינדער, אָדער מיט חינוך פון רבנים וואָס זיי דאַרפן מחנך זיין קינדער, ניט פון די ג׳ ענינים,

איז ער געגאַנגען ״מלכתחילה אַריבער״ צו דעם וואָס ער איז געווען דער מחנך און דער חשוב וכו׳ אויפן שר הפנים באותן הימים. וואָס דעמאָלט איז דער שר הפנים געווען דער שר הכי תקיף, דער שטאַרקסטער שר, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיטן צאַר.

- דער צאַר איז געווען ניט קיין איבעריקער חכם, כידוע ומפורסם, [און ויש אומרים אַז ער איז בכלל גאָר קיין חכם ניט געווען], און מיט אים האָט אָנגעפירט דער שר הפנים פון יענער צייט. און דער שר הפנים האָט געהאַט אויף זיך אָט דעם וואָס האָט אים מחנך געווען, וואָס דערנאָך איז ער שוין אַרויס פון חינוך של התלמיד, און יענער איז שוין געוואָרן דער שר הפנים, ער האָט אָבער געלעבט אין דער זעלבער שטאָט.

איז ער געגאַנגען לכתחילה אַריבער, האָט זיך געכאַפּט, אַז אָט דאָ איז אפשר אַן ענין פון מסירת נפש: פאַרבינדן זיך מיט אָט דעם וואָס האָט מחנך געווען אַ רשע מרושע, ווי דער שר הפנים דעמאָלט איז געווען אַ רשע מרושע באנושיות: געמאַכט פּאָגראָמען מיט אַלע ענינים הידועים ומפורסמים,

און האָט ביי אים געפּועל׳ט, און האָט מיט אים געשמועסט און מיט אים גערעדט, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ רשיון, פרעגן ביי אים וואָס מ׳קען טאָן אויף עפּעס מבטל זיין די

גזירה, און יענער האָט אים געזאָגט: ער זאָל וויסן זיין, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס דאָס איז פאַר אים מסירת-נפש –

אָט דאָ האָט ער זיך געכאַפּט וואָס דער פאָטער האָט געמיינט "ביז מסירת נפש",

און האָט אים אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר וואָס דאָרט איז געווען דער רשיון אויף אַריינגיין אין דעם בנין וואו ס'האָט זיך געפונען דער משרד פון דעם שר הפנים,

און דערנאָך האָט ער געוואוסט, אַז ס'וועט אַריינגיין אַהינצו אַ איד מיט אַ באָרד און פּיאות און מיט אַ סירטוק, און וואָס רעדט רוסיש ניט אַזאַ רוסיש צחה ומשופצת; [טאַקע גערעדט רוסיש מיט אַלע ענינים, אָבער ס'איז געווען לאו דוקא אָן אַן אַקצענט].

אַוועקגעגאַנגען אין יענעם בנין, און האָט געזען ווי אַזוי דער שר הפנים גייט אַרויס פון דעם בנין, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו דעם שוער, צום שומר על הפתחים, האָט אים באַוויזן דעם פּאַפּיר וואָס ער מעג אַריינגיין אין בנין,

דער שוער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין וואָס דאָ טוט זיך: מ'האָט געוואוסט, אַז אַ איד טאָר ניט זיין אין פּעטערבורג, ניט נאָר ער טאָר ניט אַריינגיין אין דעם בנין, און דאָס איז אַ בנין וואָס מ'האָט אַהינצו קיינעם ניט אַריינגעלאָזט אָן אַ רשיון מיוחד – אפילו אַ גוי, אפילו אַ שר, אפילו אַ שר גדול ביותר,

ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז ער טאָר זיך ניט דינגען, וואָרום ס'איז אַ רשיון מיוחד – אַז ניט, ווי קומט צו אים דער רשיון?

און איז אַריינגעגאַנגען אין בנין, און האָט ניט געוואוסט וואו דעם שר הפנים'ס חדר געפינט זיך, און ער איז געגאַנגען און געבלאָנדזשעט און געזוכט, ביז וואַנענט ער האָט געמוזט פרעגן ביי איינעם פון די גויים דאָרטן, וואו ס'געפינט זיך אָט דער חדר. וואָס דאָס גופא איז דאָך אַ סכנה שאין כמוה.

און אַריינגעגאַנגען אין דעם חדר, האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן די פּאַפּירן וואו ס'איז געווען וועגן אָט דער גזירה, אַרויפגעשטעלט דאָרטן דעם שטעמפּל, אַז די גזירה איז בטל געוואָרן, אַוועקגעלייגט צוריק אויפן טיש, אויף דעם אָרט וואו ס'ליגן די גזירות הבטילות, וואָס זיינען בטל געוואָרן, און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. און אַרויסגעגאַנגען דערנאָך פון בנין, און דערנאָך אַוועקגעפאָרן אַהיים.

לג. וואָס דאָס איז ניט דער פשט, אַז דאָס איז אַן ענין פון שכל והבנה והסברה, און ס'איז ניט דער פשט, אַז אַן אדם פשוט האָט אויף דערויף כח צו טאָן:

גיין אַנטקעגן גזירת המלכות, בפרט נאָך אַ מלכות וואָס "מושל בכיפה", איז על פי מדרש און על פי קבלה און על פי מוסר און על פי שכל – קען גיין מערניט ווי אַזאַ וואָס ער איז בגדר פון מלכות.

אָט דאָס וואָס ער איז געגאַנגען [אַלס] איינער?? פון דעם מלך שבישראל, פון נשיא הדור, פון זיין פאָטער, האָט אים געמאַכט פאַר אַ "שלוחו של אדם כמותו" ממש - איז דאָס געגאַנגען דער פאָטער, אָבער ווער האָט אַרויפגעלייגט דעם שעטמפל און איבערגעלייגט די פאַפּירן, און ער האָט באַקומען פריער דעם רשיון, און דערנאָך אָפּגעדאַנקט דעם גוי וואָס איז געווען דער מחנך פון שר הפנים? - אָט דאָס איז געווען אָט דער איד וואָס ער איז בשעת מעשה געווען טאַקע אַ בן יחיד, ער איז אָבער ניט געווען קיין נשיא!

אין אָט דער שליחות איז ער געוואָרן אַ נשיא "כמותו", ביז "כמותו ממש". בדוגמא ווי גערעדט בנוגע צו שלמה ודוד.

לד. במילא איז קיין קשיא ניט "דבר אחד לדור" ניט קיין "שני דברים לדור": בשעת ס'טוט זיך אָט די מעשה איז מערניט ווי איין דבר לדור, מערניט [ווי] אָט דער וואָס טוט די מעשה.

וכידוע בהנוגע אפילו אין שליחות, צי ער גיט איבער מערניט [ווי] די מעשה, אָדער אויך דעם כח המעשה, אָדער זיין גאַנצע מציאות, ווי גערעדט אַמאָל באריכה די אַלע הסבּרים אין שליחות, ביז אַז דאָס גייט דער משלח אַליין. אָבער ניט זאָגן, אַז ס'איז דאָ צוויי מלכים - ניטאָ אַזאַ מציאות.

בשעת אפילו ווען דאָס איז דאָ בתור שליחות, איז ניט דער פשט ס'איז דאָ צוויי מלכים;

פּונקט אַזוי ווי מקען ניט זאָגן, אַז צוויי מענטשן זיינען מקדש די אשה. מקדש איז מערניט ווי איינער, און ווער איז דאָס? - איז דאָס מקדש דער שולח; ווי אַזוי קומט דאָס צו איר אָן? - דוקא דורך דערויף וואָס יד המשלח, וואָס בשעת מעשה איז ער "שלוחו של אדם כמותו", ביז "ממש", אָט דאָס איז דער זעלבער ענין; ס'איז ניט קיין צוויי.

לה. וואָס וואָס איז דערפון דער לימוד בנוגע לאנשים כערכנו?

לכאורה, דאָס רעדט זיך וועגן אַ נשיא בישראל, רעדט זיך וועגן בנו יחידו, און ס'רעדט זיך וועגן אַ מעשה וואָס ער האָט געטאָן במסירת נפש, וואָס מסירת נפש איז דער פשט בפשטות, אַז ער ווערט אויס מציאות. אָט דאָס איז דער איינפאַכער אָפּטייטש "מסירת נפש": ער נעמט זיין נפש און גיט דאָס אָפּ. אָט דאָס איז דער אָפּטייטש פון מסירת-נפש.

ווערט דאָך די שאלה: איז וואָס קען מען דערפון אַראָפּלערנען לאנשים כערכנו?

וכמדובר, דער בעל שם טוב זאָגט, וויבאַלד אַז אַ איד דערהערט אָט די מעשה - ווערט דאָס פאַר אים אַ מורה דרך בהנהגתו, דערצו דאַרף ביי אים צוקומען וואָס ער דאַרף טאָן.

לו. וואָס דאָס איז, על פי האמור:

בשעת אידן זיינען אין אַ דרגא [פון] "אם כבנים" - איז דאָך אַ זיכערערהייט, אַז אַ בן של האב, איז "האב מוריש לבנו" אין אַלע "חמשה דברים", איז דאָך ניט דער פשט אין דער משנה, אַז מ'דאַרף וואַרטן ביז נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר; אַז ער איז מוריש בחכמה, איז בשעת דער אב לעבט און דער בן לעבט, און זיי לעבן צוזאַמען צענדליקער יאָרן - האָט ער שוין דעמאָלט דעם ענין פון חכמת האב. אַזוי איז דער פירוש הפשוט, און אַזוי איז בהלכה, און אַזוי איז במציאות אין טבע העולם, אפילו באַ ניט-אידן.

אפילו ווען אידן זיינען אין אַ דרגא פון "עבדים" - איז "עבד מלך" איז אויך "מלך".

במילא דאַרף אַ איד וויסן, אַז אויב מ'האָט אים געזאָגט, אָדער ער האָט זיך אַליין געכאַפּט, אַז ער האָט אַ שליחות פון מלכות של עולם - ווערט ער "שלוחו של אדם כמותו", און נאָכמערער - שלוחו של אדם כמותו ממש, ווי ער זאָגט אין לקוטי תורה בארוכה, און מסביר על פי זהר ועל פי קבלה וכו'. אָבער דאָ דאַרף מען ניט אָנקומען צו רמזים און סודות; אָט דאָס איז פשוטו של הלכה און דאָס איז דער פשטות פון דער מציאות.

במילא, אַז דערנאָך טרעפט ער זיך מיט ניט-אידן, און ער באַקומט אויף זיי אַ השפעה, און רעכט, ער וויל זיך איינרעדן, [אַז] דאָס וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיטן ניט-אידן - איז דאָס דערפאַר וואָס ער דאַרף זיך עפּעס לערנען פון דעם ניט-אידן!

אידן זיינען באַשאַפן געוואָרן "אור נתתיך לגויים"! דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אידן, אַז זיי זאָלן מאַכן ליכטיק די וועלט; ניט נאָר די "וועלט" באַ זיך אין בית-הכנסת און אין בית-המדרש און צווישן אידן, נאָר "אור נתתיך לגויים"! צו יעדער פאָלק און צו אַלע פעלקער.

און ס'איז פאַרשטאַנדיק, אויב ער וועט זיי באַלייכטן אין אַן ענין וואָס באַ זיי איז דאָס ניט קיין ליכטיקייט - הייסט דאָס ניט "אור נתתיך לגויים"! באַ זיי איז דאָס חושך, אָדער ביידע זאַכן ניט: ניט קיין אור און ניט חושך.

ס'מוז זיין ליכטיקייט, דערפאַר וואָס דאָס דאַרף זיך נעמען פון "תורה אור", דאָס דאַרף אָבער קומען אין אַזאַ לבוש - אַז דאָס מאַכט ליכטיק באַ דעם ניט-אידן, באַ דעם בן-נח, אַז ביי אים זאָל דאָס ליכטיק מאַכן ביז אין מעשה בפועל.

לז. איינרעדן זיך, אַז דאָס וואָס ער טרעפט זיך און מ'האָט אים באַקאָנט געמאַכט מיטן גוי, און ער האָט אַ השפעה פון דעם גוי, וועט דאָס זיין דורך דערויף וואָס ער וועט ווערן אַן עבד ביים גוי, אָדער אַ תלמיד ביים גוי, אָדער ער וועט זיך לערנען פון גוי אין זיין גוי'אישקייט - דאָס איז היפך השכל!

ס׳איז ניט ניט היפך ההלכה און היפך התורה און היפך הרמזים והדרוש והסוד והסודות; דאָס איז היפך השכל! שכל אנושי פון דעם נפש הבהמית, אפילו שכל פון דעם ניט-אידן, אַז מ׳וועט דאָס אים מסביר זיין – וועט ער ניט פאַרשטיין וואָס מ׳רעדט מיט אים:

ער קען אויף אים משפיע זיין – קומט ער צו אים צוגיין, נעמט פאַר אים אַראָפּ, און בוקט זיך צו אים, און זאָגט [צו אים]: הער זיך איין, אַזוי ווי דו ביסט גרעסער פון מיר און בכבוד׳ער פון מיר, אשר לכן וויל איך פון דיר האָבן אַ טובה – ניט דאָס איז דער וועג, און דאָס איז דער וועג וואָס מאַכט דעם גוי שטאַרקער, אַז ער זאָל אָפּזאָגן דעם אידן.

לח. ״אל תתגרה בגויים״. על פי תורה דאַרף מען זיך מיט קיינעם ניט קריגן. עאכו״כ זיך ניט איינרייסן. מ׳דאַרף אָבער דערצו ניט אָנקומען: מ׳איז געקומען צו אַזאַ צייט – –

מ׳האָט געהאַט אַ טענה, אַ טומל: היתכן מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן שבע מצוות בני-נח, אַז דער רמב״ם האָט אָפּגפּסק׳נט אַ הלכה ברורה, אַז אַ איד דאַרף זיך משתדל זיין, אַז אַ ניט-איד זאָל מקיים זיין שבע מצוות דילהו – היתכן מ׳האָט דאָס פריער ניט געטאָן?!

איז דאָס בדוגמא ווי אַ הלכה וואָס איז געווען נוגע איצטער:

ס׳איז דאָ אַ דיעה אין שולחן ערוך, [און דער אַלטער רבי ברענגט דאָס אויך אַראָפּ], אַז קיימא-לן, אַז בזמן הזה איז ניטאָ קיין שטאָט וואָס ס׳איז דאָ אַ רשות-הרבים על-פי תורה, דערפאַר וואָס ס׳איז ניטאָ קיין ששים ריבוא בוקעים בו.

במילא, אַז ס׳איז געקומען די שאלה אין אַ שטאָט וואו ס׳איז דאָ בפירוש ששים ריבוא בוקעים בו – האָט מען געוואָלט אָפּלערנען: וויבאַלד אַז ס׳שטייט אין שולחן ערוך, אַז אין זמנו פון שולחן ערוך איז ניט געווען אַזאַ שטאָט, איז אַ סימן, אַז קיינמאָל וועט ניט זיין אַזאַ שטאָט, אעפ״י וואָס ער געפינט זיך בעיר פלונית, און ער ציילט-איבער, אָדער די פּאָליציי ציילט פאַר אים, און מ׳האָט איבערגעציילט, אַז ששים ריבוא בוקעים בו, און נאָך מערער ווי ששים ריבוא!

וואָס האָט דאָס אַ שייכות צום דין אין שולחן ערוך? – שולחן ערוך באַוואָרנט אַליין; ס׳איז ניט אַ דין, אַ ״חוקה חקקתי״: אַזוי ווי ס׳איז ניטאָ קיין ששים ריבוא בוקעים בו, אשר לכן איז ניטאָ דער דין פון רשות הרבים מן התורה!

בשעת אָבנער מאיזו סיבה שתהי׳ איז געוואָרן אַ שטאָט, און מ׳האָט דאָרט איבערגעציילט, אַז ס׳איז דאָ ששים ריבוא אָדער מערער – איז אין דערויף [ניט] שייך קיין חילוקי דיעות; ס׳איז אַ זיכערע זאַך אַז [ס׳איז אַ] רשות הרבים דאורייתא. מ׳דאַרף נאָר זיין זיכער, אָדער וויסן עכ״פ מספק, אַז דאָרט איז דאָ ששים ריבוא.

לט. על דרך זה בהנוגע לענינים אלו:

יכוף את באי עולם לקיים שבע מצוות דידהו - איז דאָס ניט פון די ג' מצוות וואָס "יהרג ואל יעבור". אַזוי שטייט אין דעם זעלבן רמב"ם וואו ס'שטייט בהנוגע צו אַלע ענינים, צו די הלכה אויך.

בשעת אָבער ס'איז צוגעקומען אַזאַ מעמד ומצב, אַז דאָס איז ניט פאַרבונדן מיט קיין סכנה,

נאָכמערער, דער נשיא המדינה, דער פרעזידענט פון מדינה, האָט אַליין מכריז געווען, אַז מ'דאַרף זען מקיים-זיין שבע מצוות בני-נח. און האָט דאָס געזאָגט ניט איין מאָל, נאָר דריי מאָל, און מערער מאָל ווי דאָס.

דערנאָך קומט צוגיין אַ איד און דינגט זיך, אַז וויבאַלד בשעת דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכת-נפשות, און ניט נאָר בדרך ספק; ס'איז געווען אַ וודאי, והא ראי': וואו מ'האָט מערניט ווי חושד געווען בזה - איז טאַקע געווען דער ענין פון היפך החיים. כידוע דער עונש פון כמה אידן בימי הביניים. דערנאָך איז ניט געווען די סכנה ברורה, איז אָבער געווען אַ ספק-ספיקא.

בשעת מ'זעט אָבער בעיני בשר, ובגלוי, אַז ניט נאָר אַז מ'וועט קיין פאַראיבל ניט האָבן דערפאַר; מ'וועט נאָר רעדן אין אַן אופן, אַז ניט מ'וועט יענעם באַווייזן: הער זיך איין, אַז איך וויל אויף דיר מושל זיין, נאָר זאָגן אים, ווי דער רמב"ם האָט באַוואָרנט:

מ'דאַרף אים זאָגן, אַז ס'איז געווען דער ענין פון מתן תורה, און בשעת דער אויבערשטער האָט געגעבן תורה צו אידן, האָט ער זיי אויך אָנגעזאָגט "אור נתתיך לגויים", און האָט דערביי אָנגעזאָגט אויך דעם פירוש, אַ פרט בדבר זה, אַז בשעת ער וועט טרעפן אַ ניט-אידן, און וועט זען אַז זיי רעדן זיךביידע צוזאַמען, און גייען צוזאַמען שפּאַצירן, און זיינען געוואָרן ידידים, והא ראי' זיי מאַכן געשעפטן צוזאַמען, אָדער זיי גיבן אַרויס מכתבי תהילה ותשבחות איינער צום צווייטן וכו' - זאָל ער ניט פאַרגעסן אויפן עיקר:

ניט ער זאָל ער מיינען, אַז דאָס האָט מען געטאָן כדי ער זאָל האָבן אַ ביסעלע כבוד, אָדער האָבן אַ סך כבוד, אָדער מ'האָט דאָס געטאָן כדי ער זאָל מאַכן אַ בעסערן געשעפט, וועט ער פאַרדינען מערער דאָלאַרן!

דאָס איז טאַקע אַלץ אמת, און זאָל אים זיין צו-געזונט מיט כל הענינים;

דער עיקר הענין וואָס מ'האָט אין דערויף געטאָן, איז יעדער ענין אין בריאה איז דאָס "בשביל התורה שנקראת ראשית":

אַזוי ווי ס'דאַרף זיך דורכפירן אָט דער ענין וואָס שטייט אין תורה, אַז דער ניט-איד דאַרף מקיים-זיין שבע מצוות בני-נח, און ס'איז דאָ אַ פרט אין וועלכ[ן] ער ווייס נאָך

ניט דערפון - האָסט דו באַקומען די שליחות פון דעם אויבערשטן, אַז דו זאָלסט זיך מיט אים טרעפן און רעדן מיט אים אַלע ענינים וואָס זאָל אים צוגרייטן, אַז דערנאָך זאָל ער דאָס אויך אויסהערן. דערנאָך דאַרפסטו אים אָבער זאָגן דעם עיקר.

מ. וכידוע דער משל בזה: ס׳איז דאָ אַזעלכע בריות משונות, אַז מ׳גרייט אַלץ צו צו דער חתונה, און מ׳לאָזט זיך קאָסטן געלט און טירחא, מ׳לייגט אַלע ענינים, מיטן רב וואָס זאָל מסדר-קידושין זיין; אַז ס׳קומט צו דער שמחה פון קידושין - גייט ער זיך אַוועק און לייגט זיך שלאָפן! צו אים האָט דאָס קיין שייכות ניט!

אַ דבר משונה ביותר: צוגעגרייט אַלע ענינים, דערנאָך אַז מ׳דאַרף דורכפירן דער עיקר שליחות שלו;

דער עיקר שליחות פון אַ מענטשן איז ניט גשמיות און ניט כבוד, [אפילו ניט כבוד אמיתי, עאכו״כ כבוד המדומה]; דער עיקר שליחות פון אַ מענטשן - אפילו פון אַ ניט-אידן - איז ענינים פון נשמה און רוחניות.

עאכו״כ די עיקר שליחות פון אַ אידן, וואָס דאָס איז דער ענין פון אידישקייט, וואָס אַ טייל פון אידישקייט איז - פועל זיין ביים ניט-אידן, אַז ער זאָל מקיים-זיין די שבע מצוות בני-נח.

ער וועט צוגרייטן, זיך לאָזן קאָסטן געלט און גאָלד??, און וועט זיך איינשטעלן אין סכנה - באַקומען כבוד!

- כבוד איז אַ דבר מסוכן. אַזוי שטייט אין דער משנה: ״הקנאה והתאוה והכבוד״, אויב מ׳באַוואָרנט דאָס ניט - איז דעמאָלט איז רחמנא ליצלן איז ״מוציאין״, ווערט היפך החיים!

אעפ״כ האָט ער זיך איינגעשטעלט אין סכנה: געגאַנגען מקבל-זיין כבוד. מקיים-זיין אַ תאוה.

צוליב וואָס איז דאָס? ווייס זיין נשמה: אַזוי ווי ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער וועג ער זאָל פועל זיין באַ דעם ניט-אידן ער זאָל מקיים-זיין זיין מצוה בן-נח, אפילו מערניט ווי אַ פרט פון דער מצוה, האָט מען אים דערלויבט ער זאָל אַריינקריכן אין דער סכנה פון קנאה ותאוה וכבוד - אַבי ער זאָל דורכפירן די עיקר השליחות, די ״חתונה״ אַליין!

וואָס דאָס איז, כאמור, אין מעמד ומצב פון מדינה זו, וואָס אידן האָבן פאַרבינדונגען מיט ניט-אידן, און דער אויבערשטער האָט זיי מצליח געווען - מאיזו סיבה שתהי׳ - אַז זיי פאַרנעמען באַ זיי אַן אָרט און מ׳רעכנט זיך מיט זיי,

ועד כדי כך איז קיין ספק ניט, והא ראי׳ - זיי האָבן איבער דערויף ממלא-געווען דער ענין התאוה און ענין הכבוד און ענין הממון וכו׳, מ׳טאַפּט דאָס אָן מיטן האַנט

און מ'ציילט דאָס איבער מיט די פינגער - איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ער האָט מצליח געווען,

נאָר דערנאָך דאַרף ער אָפּטאָן דעם עיקר הדבר: ער זאָל פועל זיין דעם "אור נתתיך לגויים", אַז דו זאָלסט מאַכן ליכטיק באַ דעם ניט-אידן, אַז ער זאָל מקיים-זיין די מצוות אין וועלכע ער איז מחוייב,

און ניט ער איז אין דערויף מערניט ווי מחוייב; מ'האָט אים אין דערויף מזכה געווען. ס'איז אַן ענין של זכות.

מא. און דערנאָך האָט מען, ווי אָפּגעלערנט פון דעם ענין הגאולה, מ'האָט אויך די הבטחה, אַז אויב ער וועט דאָס וועלן טאָן - איז אַ זיכערע זאַך, אַז "יגעת ומצאת", און ס'איז אַ זיכערע זאַך, אַז ניט נאָר "ומצאת" - [נאָר] ער וועט אין דערויף מצליח זיין, און וועט דערנאָך האָבן דעם דאַנק פון דעם ניט-אידן, פאַרוואָס ער האָט אים מעמידו געווען על האמת - עכ"פ, ער האָט אַליין אויך געוואוסט, ס'איז אָבער געווען פּרטים וואָס ער האָט ניט געוואוסט, און דורך אים האָט ער זיך דערוואוסט אויך אָט די פּרטים.

מב. און דערנאָך איז דאָך דאָ, אַ איד האָט דאָך ליב צו זאָגן "איפכא מסתברא". אַזוי איז דער טבע פון אַ אידן, מ'זאָגט אים "שלום עליכם" - דאַרף ער זאָגן "עליכם שלום"! וואָס אַרט דיר זאָגן דעם זעלבן נוסח? זאָגט ער: ניין! מ'האָט אים געזאָגט "שלום עליכם" - דאַרף ער זאָגן פאַרקערט דעם סדר. ער וועט זאָגן "שלום", אָבער דעם סדר וועט ער פאַרקערט זאָגן. [זאָל זיין] אַ חידוש. "איפכא מסתברא". מ'זאָגט אים דעם גאַנצן ענין - זאָגט ער "איפכא מסתברא"!

איז אויף דערויף זאָגט דער אויבערשטער "ובחנוני נא בזאת": ס'איז אַ דין אין אויבערשטנ'ס תורה. וואָס דאַרפסטו זיך דינגען מיט פלוני בן פלוני, און זאָגן, אַז דו ווילסט אים יאָ פאָלגן, ניט פאָלגן - פּרואוו אַליין אויס!

גיי אַליין און פּרואוו אויף דעם וועג, אף על פי וואָס ביז איצטער האָסטו דאָס ניט געטאָן, און דו וועסט דערנאָך אַליין זען וואָס ס'וועט אַרויס במעשה בפועל.

און דערנאָך, האָפענטליך, וועט ער זיך ניט שעמען דערציילן, אַז ער האָט אַזוי געטאָן, און האָט טאַקע אין דערויף מצליח געווען. און וויבאַלד ער האָט אַ השפּעה אויך צווישן אידן - וועט ער משפּיע זיין אויך אויף אידן בסביבתו, אַז זיי זאָלן אויך אויסניצן דער עיקר פון די השפּעה שלהם ניט אויף דעם ענין וואָס דערפאַר באַקומט מען ממון און כבוד וכיוצא בזה, אָדער דורך דערויף קען מען זאָגן אַ מיינונג ווי אַזוי צו מתקן זיין די גאַנצע וועלט, דורך דערויף פון "נוקלעאַר וואָר" מיט די זאַכן -

אַלץ ענינים חשובים, אָבער אין דערויף קען ער גאָרנישט ניט אויפטאָן: ער קען האַלטן אַ רעדע, און דערנאָך קען ער פועל זיין מ'זאָל דרוקן די רעדע אין צייטונג -

ס׳איז לא מעלה ולא מוריד! די החלטה אין די ענינים וועלן מחליט זיין אָט די וואָס זיצן אין פענטאַגאָן, און די וואָס זיצן אין וואַשינגטאָן וכו׳; מ׳ערלויבט אים צו רעדן ככל העולה על לבו, אָבער ס׳איז אינו מעלה ולא מוריד.

מ׳וויל אים ניט שטערן זיין הנאה וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גוטע רעדע - געזונטערהייט! האָסט הנאה - האַלט אַ שיינע רעדע, זע מ׳זאָל דאָס אָפּדרוקן אין צייטונג און מ׳זאָל דאָס אָפּדרוקן ״דבר בשם אומרו״, אַז פלוני בן פלוני האָט געהאַלטן אָט די רעדע, און אַלע האָבן אים געקלאַפּט ״בראַוואָ״, ?? ער האָט מצליח געווען.

וכאמור לעיל, אַז אַלע ווייסן, און ער אַליין ווייס, [אַז] בנוגע לפועל איז דאָס לא מעלה ולא מוריד.

פועל זיין באַ דעם ניט-אידן מיט וועלכן ער וועט רעדן, ער זאָל מוסיף זיין אין קיום מצוות בני נח - קען ער דאָס אויפטאָן אָן רעש און אָן טומל וכו׳,

און אויב ער וויל מאַכן אַ רעש און אַ טומל - איז זאָל ער מאַכן אַ רעש און טומל, אַבי די זאַך זאָל זיך אָפּטאָן, און ער זאָל זיין ״אור נתתיך לגויים״.

מג. וואָס דאָס איז כאמור, ווי דערמאָנט פריער: אויף דערויף דאַרף מען ניט זיין דוקא אַ נשיא הדור, אפילו ניט אַ נשיא פון אַ ארגון; אָט דאָס קען טאָן במצב עתה במדינה זו, איז יעדער איד האָט באַקאָנטע צווישן ניט-אידן, און יעדער איד איז זיך משתדל, אַז ער זאָל באַ זיי תופס-מקום זיין, און יעדער ניט-אידן, אָט ווער ער זאָל ניט זיין, איז במצב פון חושך פון גלות פעלט אים נאָך אין קיום פון שבע מצוות בני-נח בתכלית השלימות.

מ׳דאַרף דאָס נאָר אים מסביר זיין אין אַזאַ אופן אויף ניט אָנרירן אים און ניט איינ׳רוגז׳ן אים און ניט מאַכן ביי אים דעם געפיל, אַז ס׳איז ניט שייך צו זאָגן: ער איז אַ תלמיד, און דאָס איז דער וואָס דאַרף אים פירן פאַרן וועג; נוגע איז נוגע ער זאָל פועל זיין ער זאָל ווערן ״אור נתתיך לגויים״.

וואָס דאָס, כאמור, קען זיין ביי אַן איינפאַכן אידן, ער לעבט אָבער אין אַזאַ מדינה וואָס דאָרט איז דאָ רובם זיינען ניט-אידן, און פרנסתו אָדער עסקנותו אָדער זיין שטעלע וכיוצא בזה איז - אַז ער טרעפט זיך ניט מיט איין ניט-אידן, נאָר מיט אַ סך ניט-אידן.

אָבער ביז איצטער, מסיבות שונות ומשונות, האָט ער מיט זיי גערעדט וועגן אַלע גוטע זאַכן און אַלע שיינע זאַכן און אַלע ענלעכע זאַכן וכו׳, - חס ושלום אַ דבר שאינו ראוי; דעם עיקר אָבער פון ״אור נתתיך לגויים״ האָט ער ניט משים לב געווען, אָדער מצד דערויף וואָס ס׳איז דאָך ״ונהי בעיננו כחגבים״ -

מיטאַמאָל פאַלט אויף אָן דער ענין פון ״חגבים״: ער ווערט מיטאַמאָל אַן ענו און אַ ״הצנע לכת״ - וואָס הייסט ער וועט גיין רעדן מיט אַ ניט-אידן וועגן אַן [ענין] וואָס

איז פאַרבונדן מיטן רמב"ם. ווערט ער מיטאַמאָל אַ "חגב", במילא ווערט דערנאָך "וכן היינו בעיניהם", ווי מבואר אין ספרי מוסר דער אָפּטייטש אין דעם.

די התחלה ווערט אָבער [דערפון וואָס] "ונהי בעיננו כחגבים"!

זיי ניט מיטאַמאָל אַ "חגב", און דו האָסט דעם כח אויף דעם, והא ראי', בשעת ס'רעדט זיך וועגן אַנדערע ענינים - האָסטו דעם גאַנצן כח און מאַכסט דעם גאַנצן שטורעם מיטן גאַנצן תוקף, און דער וואָס וויל דיר ניט פאָלגן איז "אחת דתו"!

בשעת ס'קומט צו ממלא זיין דעם אויבערשטנ'ס אַ שליחות פון "אור נתתיך לגויים" - אָט דאָ ווערט ער מיטאַמאָל אַ חגב, און שרייט אַז דאָס איז "הצנע לכת" און אַז ער איז אַן "ענו", "ונפשו כעפר לכל תהי'" - אשר לכן, ניט אים האָט מען געמיינט.

מ'האָט בפירוש אים געמיינט! אַז ניט וואָלט מען אים ניט צוזאַמענגעפירט מיטן ניט-אידן.

- אמת, ער האָט דערפון אַרויס אַ הנאה, פאַר אים אַ תועלת, אַ תועלת אמיתית קען גאָר זיין; דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אין אַזאַ [אופן], אַז בשעת ס'איז דאָ אַ משפיע און מקבל - קען ניט זיין איינער מערניט ווי משפיע און דער צווייטער מערניט ווי מקבל - דעמאָלט ווערט ניט קיין צדק אין מעשה בראשית.

האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט אין אַזאַ אופן, אַז ס'איז דאָ אַן עני מיט אַ בעל הבית, וואָס על פי תורה איז דער איז בעל הבית און דער צווייטער איז אַן עני - האָט אָבער דער אויבערשטער דורך תורתו גלייך באַוואָרנט מ'זאָל וויסן זיין, אַז "יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני - העני עושה עם בעל הבית", וואָס דאָס זאָגט תורת אמת.

במילא האָט ניט דער עני וואָס צו זיין באַ זיך אַראָפּגעפאַלן. - אמת טאַקע ער האָט געדאַרפט אָנקומען צו דער עשירות פון דעם בעל הבית, צי דאָס איז בגשמיות אָדער ברוחניות וכיוצא בזה - ביחד עם זה אָבער האָט ער אים געגעבן אויך אַן ענין, און וואָס פאַר אַן ענין האָט ער אים געגעבן? - "יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני".

וכמדובר בכל ענינים אלו: דאָ איז ניט נוגע "קבלו את האמת ממי שאמרו": האַלטסט אַז ס'איז יאָ אמת, ניט אמת - די איינציקע זאַך וואָס מ'פאַרלאַנגט פון אים "ובחנוני נא בזאת" - גיי פרואוו דאָס אויס. און וועסט דערנאָך אַליין זען וואָס דערפון וועט זיין די תוצאות.

ס'איז נאָר אַ שאָד, ער וועט דאָס אָפּלייגן אויף איבערמאָרגן, אָדער אפילו אויף מאָרגן - קען זיין "שמא יקדמנו אחר", און קען זיין, אַז דערנאָך וועט ער דעם ניט-אידן גאָרניט טרעפן.

איצטער קען ער מיט אים רעדן, קען זיך מיט אים טרעפן - איז "מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה".

און ווי ידוע דער אָפּטייטש אין ספרי מוסר: וואָס איז דאָ דער לשון "אל תחמיצנה"? ס'האָט געדאַרפט שטיין "אל תאחרנה" וכיוצא בזה - דאָס קען ווערן נאָר "חמץ", מיט אַלע ענינים וואָס ס'איז דאָ אין חמץ.

בשעת דו ווּעסט איר אָבער גלייך טאָן - וועט דאָס זיין אַ מצוה ניט דער ענין פון "חמץ".

מד. ויש להאריך בכל זה. בנוגע אָבער וויבאַלד אַז ס'רעדט זיך וועגן "עם חכם ונבון" איז זיכער געגנוג אָט דאָס וואָס ס'האָט זיך גערעדט, ו"תן לחכם ויחכם עוד",

און דער עיקר - מ'דאַרף ניט אָנקומען דערצו וואָס ער וועט הערן פון מיר אָדער פון אַן אַנדערן, פון צווייטן - כאמור לעיל: ער האָט אַליין די ברירה, "ובחנוני נא בזאת",

און דעמאָלט איז אַ זיכערע זאַך, ווי מ'האָט געזען, און דער בעל הגאולה האָט דאָס מסביר געווען, אַז דאָס איז "לא אותי בלבד", נאָר די אַלע ענינים חזר'ן זיך דערנאָך איבער: אָט די וואָס וועלן גיין "בדרכיו ובאורחותיו אשר הורנו" - וועט דאָס זיין "נצח סלה ועד",

ובשמחה ובטוב לבב, ובהצלחה רבה.

לחיים.

• • •

צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה "הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב".

ניגנו "ילכו מחיל אל חיל".

• • •

### שיחה ה

מה. מ'האָט דאָך פריער גערעדט וועגן די ענינים וואָס מ'דאַרף אַליין אָפּלערנען וואָס ס'לערנט אונז דער מאסר און די גאולה מיט די פרטים האמורים.

על אחת כמה וכמה - צו די תקנות וואָס דער בעל הגאולה האָט אַליין מפרסם געווען, אף על פי וואָס צווישן זיי איז דאָ אַזעלכע וואָס זיינען געווען אויך פון פריער, אָבער אָן אַ פרסום המתאים, אָדער אָן פרסום בכלל, אָדער בכלל נאָך ניט געווען דע רתיקון,

וואָס דאָס זיינען דאָך די דריי ענינים פון "חת"ת": די שיעורים אין חומש פון פרשת השבוע, בכל יום ויום דער חלק הפרשה פאַרבונדן מיט דעם טאָג, בדוגמא ווי ביום השלישי פון י"ג תמוז - אין פרשה בלק פון שלישי ביז רביעי,

ועל דרך זה דער שיעור אין תהלים ווי ער איז נתחלק לימי החודש - דער שיעור פון יום י"ג בחודש,

ועל דרך זה דער שיעור אין תניא, ווי דער בעל הגאולה האָט אים פאַנאַנדערגעטיילט לימות השנה, סיי ביי אַ שנה פשוטה, און אויך ביי אַ שנה מעוברת, ווי שוין אויך אָפּגעדרוקט, וואָס דאָס איז דאָך געווען דער חידוש מדילי'.

וואָס דאָס איז אויך, ווי דערמאָנט פריער בנוגע צו די ענינים פון כללות הענין, דערנאָך איז דאָ די ענינים וואָס זיי זיינען מעודד און מחזק, ביז אויף אויך פועל זיין בכל מקום שידו מגעת, וואָס מ'ווייס נאָך ניט דערפון - אַז אויך זיי זאָלן מקיים-זיין אָט די דריי שיעורים.

מו. וואָס דערפאַר איז דאָך אויך על כל פנים דערמאָנען בקיצור דעם שיעור אין חומש, וואָס כאמור איז דאָך דאָס - פון י"ג תמוז, פון יום הגאולה - פון שלישי ביז רביעי,

און וואָס ער ענדיקט זיך דער סיום וחותם, [וואָס "הכל הולך אחר החיתום", ווי די גמרא זאָגט אין ברכות], איז דער ענין ווי אַזוי בלעם האָט געזאָגט און מגלה געווען פאַר בלק'ן און כל שרי מואב, און דערנאָך איז דאָס געוואָרן אַ פרסום בתורה, ועל ידי התורה - לכל באי עולם, אַז ער קען קיין זאַך ניט טאָן און רעדן, סיידן אָט דאָס וואָס דער אויבערשטער וועט אים הייסן רעדן.

און אָט דאָ קומט-צו אַ חידוש נפלא דוקא אין דעם פסוק, אַז ער זאָגט "לא אוכל לדבר מאומה":

אַזוי פון די אַנדערע פסוקים קען מען זיך טראַכטן, אָדער לערנען, אָדער קען גאָר זיין אַז ס'איז אליבא דאמת אַזוי, אַז ער קען רעדן אויך ענינים מדילי'; ס'טאָר אָבער ניט זיין "לא תאור את העם כי ברוך הוא" - דאָס איז אַ זאַך וואָס ער קען ניט רעדן.

ס'דאַרף זיין נאָך אַ זאַך, אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער וועט אים הייסן רעדן - מוז ער דאָס רעדן, אָדער "אנכי אשמור" אָדער "אעשה" אָדער "אדבר", ווי דער ראַגאַטשאָווער איז מבאר די דריי ענינים ווי דאָס איז חלוקות אין דרגות הנבואה, ווי שוין אָפּגעדרוקט בספרו דער ליקוט על התורה.

אָט דאָס וואָס ס'קומט-צו אין דעם פסוק, און דאָס שטייט בסיום פון דעם שיעור, אַז בלעם,

- וואָס ער איז געווען מנהיגם של כל באי עולם בזמן ההוא, ווי מ'דערציילט, אַז בשעת ס'איז געווען מתן תורה, און ס'איז געוואָרן אַ טומל איבער דער גאַנצער וועלט - זיינען געקומען אַלע צולויפן צו בלעם'ען, אַ פרעג-טאָן: וואָס איז דאָס? און ער האָט זיי מסביר געווען, [אַז] "הוי' עוז לעמו יתן הוי' יברך את עמו בשלום".

ועל דרך זה ווי ער זאָגט אין ספרי, אין סוף דברים, אין ״משנה תורה״, אַז דער ענין [פון] ״ולא קם נביא בישראל כמשה״, אַז ״בישראל לא קם, אבל קם באומות העולם״, ומהו - איז דאָס גאָר בלעם.

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ביאור וואָס ס׳איז אַ דבר בלתי מובן, וואָס ס׳שטייט אין ספרים, אין ספרי וכיוצא בזה, און אויך אין ראַגאַטשאָווער ברענגט דאָס אַראָפּ, אַז בלעם האָט געהאַט אַן ענין פון ״אספקלריא המאירה״.

וואָס דאָס געפינט מען ניט באַ קיין נביא, ווי דער רמב״ם פסק׳נט אָפּ אין ״יד החזקה״, און אויך אַראָפּגעבראַכט בארוכה אין די ״שמונה פרקים״ און אין ״מורה נבוכים״, אַז ״כל הנביאים נתנבאו בכה״, ״אספקלריא שאינה מאירה״, אפילו ישעי׳ הנביא; מיט און איינציקן אויסנאַם, וואָס דאָס איז געווען משה רבינו.

וואָס דאָס, כאמור, ווי דער ראַגאַטשאָווער ברענגט דאָס אַראָפּ, איז געווען מעין זה באַ בלעם.

וואָס דאָס איז מוכרח צו זאָגן: וויבאַלד אַז ער זאָגט, אַז ״באומות העולם קם״ - מוז מען דאָך זאָגן, אַז ס׳איז טאַקע געווען ״ויקר״ חסר אל״ף, אַז דאָרט איז געווען אַן ענין פאַרבונדן מיט טומאה, אָבער לולי זאת האָט דאָס געדאַרפט זיין ״זה לעומת זה עשה האלקים״, וואָרום אַז ניט וואָלט געווען די טענה: היתכן?! ס׳איז ניט קיין בחירה חפשית, כמבואר בארוכה אין חסידות און חקירה און אין ספרי מוסר וכיוצא בזה.

מז. וואָס אָט דער פסוק איז אָבער מחדש, אַז דאָס וואָס מ׳האָט אים געגעבן - האָט מען אים געגעבן, אָבער מצד עצמו איז ״מאומה״!

אַזוי סתם אַ גוי האָט געקענט רעדן, און רעדן וואָס ביי אים קומט-אויס. - טאַקע ״תפקידו שמרה רוחם״; ״אף על פי דאינהו לא חזי, מזלייהו חזי״ - אָבער אַ זאַך וואָס איז ניט נגד הקב״ה קען ער רעדן;

בא בלעם׳ען, וואָס דער אויבערשטער הייסט אים רעדן - איז ״אותו אשמור״, אָדער ״אדבר״ אדער ״אעשה״, און דאָס וואָס ער הייסט אים ניט רעדן - קען ער ניט רעדן, טאָר ער ניט רעדן, איז דער פסוק מחדש, אַז ער קען ניט רעדן ״מאומה״ - ער קען בכלל גאָרנישט ניט רעדן.

מח. וואָס דאָ ווערט דער ענין און די הוראה און דער עידוד און דער נתינת כח פאַר אידן - זיי זאָלן וויסן זיין, אַז באמת כל אומות העולם, אפילו די מנהיגים שבהם, און אפילו די צווישן זיי וואָס דער אויבערשטער, כדי ס׳זאָל זיין דער ענין פון בחירה חפשית, איז געווען ״בישראל לא קם אבל באומות העולם קם״ - איז באַ זיי איז דער סדר איז, אַז ער קען ניט רעדן מאומה!

און דאָס וואָס ער רעדט שלא כדרוש, שלא כדבעי - איז דאָס ניט זיינע. וואָרום אַז ניט איז קען ער ניט רעדן ״מאומה״.

במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז ער האָט אַ שליחות פון דעם אויבערשטן, אָדער "גילה דברו על ידי עבדיו הנביאים", דערנאָך איז חכמי ישראל בכל דור ודור, "אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא", ובדורנו "אתפשטותא דמשה" פון נשיא דורינו, דורך דעם רבי'ן דער שווער, דער בעל הגאולה - איז אַ זיכערע זאַך, אַז דאָס איז "הוא הכל". און אַלע ענינים וואָס געפינען זיך אין וועלט - קענען זיי ניט רעדן "מאומה", על אחת כמה וכמה ניט טאָן "מאומה", וויבאַלד אַז דאָס איז ניט בהתאם דערצו וואָס נשיא דורינו האָט געוואָלט.

און פון וואַנען ווייס מען וואָס ער האָט געוואָלט? - ער האָט געגעבן אַ שליחות מ'זאָל טאָן אָט די און די ענינים, אָנהויבנדיק פון דעם ענין פון חת"ת, ווי דערמאָנט פריער, ועל דרך זה די אַלע לימודים וואָס מ'לערנט אָפּ פון דעם מאסר וגאולה.

מט. וואָס דערפאַר איז דאָך אויך דער ענין וואָס ער ס'האָט נאָך מתקן געווען נשיא דורנו, און פאַר דערויף נאָך דער פּאָטער זיינער, וואָס ער איז געווען ממלא-מקומו, מאַכן מזמן לזמן מגביות אויף צדקה,

וואָס על דרך זה איז דאָך אויך די מגבית י"ג תמוז פון "קופת רבינו", כמדובר כמה פעמים.

וואָס דערפאַר איז, כדי ס'זאָל ניט זיין קיין בלבולים, איז לאחרי ברכה אחרונה וועט מען אויך טיילן לכל אחד ואחד צו אַ דאָלער,

וואָרום דאָ איז ניט נוגע אַזוי די כמות וואָס מ'וועט געבן; ס'איז נוגע מערניט אויף מעורר זיין און עודד זיין, און דערנאָך אין צדקה איז זיכער נוגע כמות, ואדרבא: "הכל לפי רוב המעשה„, סיי כמות אין פעולות סיי כמות אין דעם סכום, ווי פאַרשטאַנדיק בפשטות;

מצד די התעוררות און דעם עידוד, בפרט נאָך אין אַ יום זכאי, איז אילו אַז דאָס קומט פון אַ דבר השוה לכל נפש, פון איין און איינציקן דאָלער - איז זיכער, אַז אָס וועט מעורר זיין און מעודד זיין, ובזכות יום זה - מאַכן אַ גאַנצן שטורעם, בנוגע צו צדקה פאַרבונדן מיט דעם טאָג, און דערנאָך "פעולה נמשכת" - בנוגע צו צדקה פאַרבונדן מיט כל השנה כולה.

נ. על דרך זה אויך פון איין שיעור - אין צווייטן ענין השיעורים, וואָס דאָס איז דאָך וואָס מ'האָט איינגעפירט בעזר השם, און ס'איז נתקבל געוואָרן על-ידי רבים מישראל, והולך ומתפשט - דער ענין פון שיעור אין רמב"ם,

וואָס אַזוי איז אויך דער שיעור פון רמב"ם וואָס מ'איז מסיים בכל שנה, וואָס דאָס איז "מנהג הפשוט", על-ידי לימוד פון ג' פרקים ליום - איז דאָך דער שיעור פון י"ג תמוז - דער ענין וואו ס'רעדט זיך וועגן גירות, מיט די פרטים שבדבר.

וואָס ווי ער הויבט-אָן דער רמב״ם די הלכות בזה איז, אַז מ׳דאַרף האָבן דריי ענינים: דער ענין פון מילה און טבילה און הבאת קרבן, אָדער "הרצאת קרבן",

און ווי מ׳האָט שוין גערעדט אין דערויף באריכה, און שוין אויך אָפּגעדרוקט, און געבעטן איבערדרוקן במיוחד, אַז מ׳אָל דאָס קענען האָבן שוין צו דעם י״ג תמוז - במילא דאַרף מען דאָס ניט איבער׳חזר׳ן נאָך אַמאָל,

און מ׳קען דאָך ניט מדייק-זיין בדיבור - בשעת מ׳קען דאָס זען ווי דאָס איז מוגה, מיט די הערות און די מראי-מקומות - אין דעם "ליקוט" וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעדרוקט און ס׳האָט מצליח געווען, אַז ס׳איז אַרויס לאור אין דעם אָנהויב פון יום י״ג תמוז.

נא. וואָס בכללות רעדט זיך דאָרטן, אַז דאָס איז אַ זיכערע זאַך, אַז "שם נעשה לפניך כמצות רצונך", וועט מען מקריב זיין דעם קרבן הגר אין אַן אופן פון "הרצאת קרבן" וכו׳, מיט אַלע פרטים שבדבר וואָס זיי זיינען למעליותא - כשיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ואדרבא, דאָס וועט זיין "כמצות רצוניך" - נאָך מערער ווי ס׳איז געווען אין בית-מקדש שני, אפילו אין בית-מקדש ראשון,

ביחד עם זה אָבער, פעלט גאָרניט קיין זאַך אין זמן הגלות, און ער איז אַ גר גמור לכל עניניו, אפילו בנוגע צו אכילת קדשים אָדער חלה וכיוצא בזה וואָס ס׳איז שייך בזמן הזה וכיוצא בזה,

ס׳דאָ קומט-צו נאָך אַן ענין און נאָך אַן עילוי, צוזאַמען מיט כל העילויים וואָס ס׳וועט זיין בביאת משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה - דער הבאת הקרבן, מיט די אַלע ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיטן קרבן.

וואָס על דרך זה איז דאָ אויך כאן המקום לבאר אָט דאָס וואָס ס׳האָט זיך גערעדט בהנוגע צו די הוספה פון מזמור ק״ו אויף מזמור ק״ה, וואָס דאָרטן איז ער מסיים, אַז "ברוך הוי׳ מן העולם ועד העולם".

מ׳איז דאָך אויך פאַרבינדט דאָך דאָס מיט אַ סיום, ווי דערמאָנט פריער - סיום מסכתא נזיר, ועל דרך זה אויך דער סיום פון מסכתא ברכות,

וואָס דאָרט איז ער מסיים אין דער גמרא פון "ילכו מחיל אל חיל" - "תלמידי חכמים אין להם מנוחה", און דערנאָך דער סיום אין משנה, אַז אַזוי האָט מען געמאַכט אין מקדש די ברכה פון "ברוך הוי׳ עד העולם", מערניט [ווי] דערמאָנט איין מאָל "עולם"; "משקלקלו המינים" - אָט דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן זאָגן "מן העולם עד העולם".

וואָס אָט דאָ ווערט אַ שטורעמדיקע קשיא און אויך אַ "קלאָץ-קשיא":

דער "ברוך הוי׳ מן העולם עד העולם" שטייט אין תהלים, במילא איז דאָך פשוטו של מקרא, אַז בשעת דוד האָט געזאָגט אָט דעם קאַפּיטל, האָט ער געזאָגט "ברוך הוי׳ מן

העולם עד העולם", וואָס דאָס איז געווען נאָך פאַרן בית שני, על אחת כמה וכמה אַז דאָס איז געווען פאַר דעם זמן אין בית שני "משקלקלו המינים", און אף על פי כן האָט ער געזאָגט "ברוך הוי' מן העולם עד העולם"!

און איך האָב געזוכט – [האָב איך] געפונען, אַז ס'שטייט דער ביאור און דער תירוץ בזה אין "עשרה מאמרות", [אַ מקובל, וביחד עם זה אויך אַ בעל נגלה, ביז מ'ברענגט פון אים פסקים אין נגלה],

ברענגט ער אַראָפּ אָט דעם ענין, און זאָגט, אַז דוד בזמן מקדש ראשון האָט מען געזאָגט "ברך הוי' מן העולם עד העולם", דערנאָך איז געווען מקדש שני, וואָס "חסרו חמשה דברים", במילא "חסרו חמשה דברים" האָט אויך געפעלט דער "עד העולם", און מ'האָט געזאָגט מערניט ווי "ברוך הוי' מן העולם", דערנאָך "משקלקלו המינים", האָט מען געדאַרפט מוסיף זיין מערער ווי פריער – אָט דעמאָלט האָט מען מחזיר געווען עטרה ליושנה און מ'האָט געזאָגט "ברוך הוי' מן העולם עד העולם".

נב. וואָס אָט דאָ האָט מען אויך אַ הסברה וואָס ס'האָט זיך גערעדט אין דער התוועדות שלפני זה: למה עשה הוי' ככה, ענינים בלתי-רצויים?

איז פונקט אַזוי ווי מ'זאָגט, גע'חזר'ט אין דעם מאמר פון בעל הגאולה, אַז "ירידה" איז דאָס "צורך עלי'" – "משקלקלו המינים" האָט אויפגעטאָן, אַז מ'האָט מחזיר געווען די עטרה ליושנה; זייענדיק אין בית מקדש שני האָט מען מברך געווען מיט דעם נוסח ווי מ'האָט געמאַכט אין בית-מקדש ראשון, וואָס דאָרטן איז ניט געווען קיין חסרון, אפילו ניט פון "חמשה דברים".

ויש להאריך בזה, ותן לחכם ויחכם עוד.

נג. און יהי רצון, אַז מ'זאָל מחליט זיין בפשטות, אַז דער גאַנצער ענין פון גלות איז דאָס מערניט [ווי] כדי ס'זאָל זיין די עלי', און אַן עלי' שלא בערך, דערפאַר איז געווען אַזאַ גלות וואָס "כלו כל הקיצין": אַלע קיצין מיט אַלע ענינים מיט אַלע פרטים – און אף על פי [כן] ועדיין לא בא!

און בשעת מ'וועט זען למעלה, אַז מ'האָט זיך שוין פאַנאַנדערגעקליבן און מ'פילט, אַז דאָס איז דער גאַנצער ענין פון גלות – דאַרף מען ניט האָבן מער דעם העלם והסתר, וויבאַלד אַז מ'האָט שוין מגלה געווען אמיתית ענינו.

ועד כדי כך – אַז מ'שרייט און מ'מאָנט, און מ'איז זיכער, אַז "ווי וואָנט משיח נאַו"! און מ'מיינט "נאַו" ווי דער אָפּטייטש איז אויף ענגליש, איז ניט שייך צו זאָגן אויף דערויף קיין רמזים און קיין דרושים און קיין סודות – דאָס איז אין לשון עם ועם, לשון המדינה, איז דער "נאַו" דער פשט – מיד ממש!

אָט דעמאָלט וועט מען אויפטאָן, אַז ס'וועט זיין דער "מיד" ממש, ווי דער לשון ההלכה, כמדובר לעיל,

אַז ס'ווערט – "לאלתר לתשובה" איז שוין געווען, ווערט "לאלתר לגאולה" אין אַן אופן פון "לאלתר" דידן,

און ס'קומט משיח צדקנו, און "ארו עם ענני שמיא", "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו" – טאַנצט מען "עם ענני שמיא", אין ארצנו הקדושה, און דאָרטן גופא – אין ירושלים, "קרית מלך רב", און דאָרטן גופא – אין הר הבית, וואָס [אויף] אים זאָגט מען דאָך, אַז אַלע עמי הארץ זאָגן, אַז "לכו ונלכה" צו דעם "הר הוי'", צו "הר הקודש",

און דאָרטן – אין "מקדש אדנ' כוננו ידיך" בפשטות ולמטה מעשרה טפחים,

מיד ולאלתר ממש!

לחיים.

ניגנו "ווי וואָנט משיח נאַו".

• • •

**שיחה ו**

נד. ס'איז דאָך כאמור לעיל – דער יום הגאולה פון בעל הגאולה, און אויך – דער יום הולדת שלו,

און ס'איז דורכגעגאַנגען כמה וכמה זמן, או מ'האָט דאָך דער ציווי בזה להעלות בקודש, אַז מ'דאַרף מעלה זיין אין כל עניני טוב וקדושה,

עאכו"כ אַן ענין וואָס איז נוגע מיט אַ נשיא בישראל,

וואָס ס'איז ניט רחמנא ליצלן צו זאָגן אַז ס'איז געווען אַ נשיא בעבר, נאָר "הוא בחיים" דערפאַר וואָס "זרעו בחיים": בשעת ס'איז דאָ חסידים וואָס לערנען זיינע חסידות און זיינען ממלא זיינע תקנות איז "הוא בחיים" ממש – דאָ למטה מעשרה טפחים.

ס'ווערט די שאלות וואָס אַנדערע פרעגן – ווי די גמרא באַוואָרנט דאָס שוין און ברענגט דאָס אַראָפּ – "וכי בכדי חנטו חנטיא וכו'": ס'איז דאָך געווען אַ לוי' און "חנטו חנטיא" וכו'?

ווייס דאָס די גמרא, און ברענגט דאָס אַראָפּ – און די מסקנה איז, אַז מ'זאָל וויסן זיין אַז "הוא בחיים"!

און כל זמן ס'איז "זרעו בחיים", וואָס דאָס וועט דאָך זיין ביז משיח וועט קומען, און נאָך משיח'ס קומען וועט מען לערנען זיינע חסידות, און ס'וועט זיין "והקיצו ורננו שוכני עפר", ויורנו מדרכיו אשר הורנו ונלכה באורחותיו נצח סלה ועד – אף על פי וואָס ס'וועט אויך זיין דער לימוד התורה, תורה חדשה מפי משיח צדקנו – ביחד עם זה איז יעדער חסיד וועט זיין גיין מיט זיין רבי'ן, און מיר אַלע און יעדערער פון אונז

וועלן גיין מיט אונזער רבי'ן, מיט נשיא דורינו, און אין אַן אופן וואָס שוין איצטער איז ער "בחיים",

און ס'איז קיינמאָל ניט געווען דער ענין וואָס מ'קען פרעגן און מ'פרעגט "וכי בכדי חנטו חנטיא", און מ'האָט געזאָגט קדיש וכו' וכיוצא בזה –

האָט דאָס די גמרא געוואוסט, און די גמרא האָט דאָס אַראָפּגעבראַכט, און האָט אָפּגעפּסק'נט, אַז מ'זאָל וויסן זיין אַז "הוא בחיים" און "זרעו בחיים", מיט אַלע ענינים וואָס האָבן דערצו אַ שייכות!

נה. וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז אם בכל הענינים זאָגט מען להעלות בקודש, און ניט פאַר זיך באַהאַלטענערהייט; וויבאַלד ס'רעדט זיך וועגן "הנשיא הוא הכל", אין אַן אופן של פרסום – דאַרף דאָס אויך זיין אין אַן אופן של פרסום,

און וויבאַלד אַז ער האָט אויסגעפירט אין יום הגאולה אַלץ ווי ער האָט געוואָלט, און האָט אויסגעפירט בגלוי, ועד כדי כך, אַז "הפה שאסר הוא הפה שהתיר",

און ווי דערמאָנט פריער, אַז מ'האָט אים ערלויבט אַרויספאָרן פון דער מדינה, און ניט נאָר ערלויבט – [נאָר] מ'האָט צוגעשיקט מסייעם משלהם, אַז זיי זאָלן זען מ'זאָל ניט מעכב זיין אַרויסנעמען אַלע זיינע כתבים מיט אַלע זיינע ספרים מיט אַלע זיינע חפצים, און מ'זאָל פאָרן צוזאַמען מיט אים!

וכאמור די חביבות וואָס ביי אים איז געווען צו די ספרים איז דאָך אויך מובן ומפורסם פון דעם סיפור הידוע בשעת'ן אַרויספאָרן:

אַז ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין לענינגראַד, וואָס דאָרט איז געווען דער צורר און זיין שונא במיוחד, וואָס האָט געזאָגט בפירוש ובגלוי ובפרסום, אַז אף על פי וואָס מאָסקווע האָט אים באַפרייט; וויבאַלד אַז ער איז געקומען צוריק אין לענינגראַד און געפינט זיך ברשותו – זאָל מען וויסן זיין, אַז "עוד ידו נטוי'",

במילא האָט מען געוואוסט, בדרך הטבע, אַ דבר גלוי, אַז יעדער טאָג וואָס מ'בלייבט אין רשות פון די וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען בראש פון דער נ.ק.וו.ד. דאָרטן – שטייט מען אין סכנת נפשות הוא ובני ביתו!

און אַז מ'האָט אים געזאָגט, אַז אַ טייל פון די ספרים אָדער פון די כתבים וועט מען ניט אַרויסלאָזן – האָט ער געענטפערט בפשטות, אַז ער וועט פאָרן, און מיט די בני-ביתו, און מיט אַלע ספרים און מיט אַלע כתבים וכו',

און ער האָט דאָס אויסגעפירט, אַן מ'האָט מסייע געווען בזה, און אַרויסגעפאָרן.

און מ'האָט געבראַכט די ספרים און די כתבים גאַנצערהייט בשעת וואו ער איז געפאָרן – בשעת ער איז געקומען אין ריגא, און דערנאָך אין די מקומות שלאחרי זה. כמבואר ומסופר ומפורסם.

נו. מ׳דאַרף דאָך אָבער מוסיף זיין, כאמור לעיל, האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן פון "אגודת חסידי חב"ד",

וואָס בהנוגע צו אָט דעם בנין האָט דער בעל הגאולה לכתחילה געגעבן דעם בנין צו "אגודת חסידי חב"ד", במילא האָט ער דערפאַר ניט געצאָלט קיינע מיסים פאַר דעם בנין, דערפאַר וואָס "אגודת חסידי חב"ד" אַלס אַזאַ "אגודה" איז באַפרייט געוואָרן פון אַלע מיסים.

- בנוגע צו דאָס וואָס ער האָט דאָרט געלעבט אַלס אַ דירה פרטית, עד מאה ועשרים שנה, ועל דרך זה די וואָס זיינען דאָרטן אַלס אַ דירה פרטית - איז עד מאה ועשרים שנה בהנוגע צו אָט די דירה האָבן זיי געצאָלט מיסים, ווי דער רבי דער בעל הגאולה האָט געצאָלט די מיסים פאַר זיינע דירה פרטית,

אף על פי וואָס אויך פון זיין דירה "פרטית" איז געווען דער עיקר ענינו - אַז דאָרט זאָל זיין אַן אָרט וואו מ׳דאַוונט און דאָרט זאָל זיין אַן אָרט וואו מ׳לערנט, בכלל, און וואו מ׳לערנט חסידות - זיינע, צוזאַמען מיט די חסידות פון זיין פאָטער, צוזאַמען מיט דחסידות פון כל נשיאי חב"ד, חסידות חב"ד, ביז אויך פון די נשיאים פון החסידות הכללית, ביז - דעם סידור פון בעל שם טוב.

נז. וואָס דערפאַר האָט מען אויך מחליט געווען אויף דער אסיפה, און זיכער וועלן אַלע מסייע זיין בזה, מאי קא משמע לן - ס׳איז אַ דבר הפשוט,

אַז מ׳איז מפרסם, אף על פי וואָס דאָס איז מפורסם בלאו הכי, אַז דאָס איז אַ הויז וואָס געהערט צו "אגודת חסידי חב"ד" - אַזוי האָט געוואָלט דער בעל הגאולה, און האָט דאָס אַזוי אַריינגעשריבן, און געהייסן אַז מ׳זאָל דאָס רעגיסטרירן מיט אַלע זאַכן אין דעם שטר קני׳, אין שטר המקנה - "קומפּטשיק" ווי מ׳האָט דאָס גערופן אין רוסלאַנד - פון דער הויז!

און האָט געוואָלט, און האָט דאָס איינגעפירט, אַז מ׳זאָל דאַווענען אין דעם בנין, און מ׳זאָל דאַווענען בפרט - אין דעם בנין וואָס דאָרט איז געווען זיין דירה פרטית אויך, וואָס ער האָט דאָרט געשלאָפן, און געגעסן און געטרונקען.

- דער וואָס האָט געקענט דעם שווער, און דער וואָס קען אַ אידן בכלל, און דער וואָס קען אַ פשוט׳ן אידן בפשטות - איז ביי אים פאַרשטאַנדיק, ובתכלית הפשטות, אַז ער האָט טאַקע אַ דירה, דער פשוט׳ער איד בתכלית, אין וועלכע ער עסט און טרינקט און שלאָפט,

ער דאַוונט דאָרטן אָבער אויך, און האָט דאָרטן אויך זיינע ספרים און די תפילין, און דאַוונט דאָרטן, אפילו ווען ער דאַוונט ניט אין שול, לעת מן הזמנים - דאַוונט ער דאָרטן, איז דאָס טאַקע תפילת היחיד פון אַ פשוט׳ן אידן, אָבער אף על פי כן איז דאָס דער ענין התפילה והתורה,

איז באַ קיינעם קיין ספק ניט, אַז באַ דעם איד הפשוט בתכלית הפשיטות, וואָס איז ביי אים דער עיקר פון זיין דירה, אפילו פון דעם חדר אין דירה וואו ער קאָכט טיי אָדער קאָכט זיין תבשיל – איז דאָס אַלץ אַ טפל דטפל צו דעם חלק אין דער דירה וואָס ער האָט דאָרט געדאַווענט איין מאָל אָדער געלערנט איין ענין בתורה, אפילו הלכה אחת.

איז דאָס ווי ער זאָגט אין תניא, אַז "יחוד זה למעלה הוא יחוד נצחי".

בפרט נאָך, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ ספר וואָס ער האָט געלאָזן אין דער דירה, און וואָס ער האַלט אין דער דירה, אָדער מיט אַ כתב וכיוצא בזה.

וכאמור לעיל – וואָס ער האַלט דאָרטן עד היום הזה, וואָרום "הוא בחיים".

נח. וואָס דערפאַר האָט מען אויך מחליט געווען, אַז מ'זאָל ממשיך זיין דאָרטן דאַווענען אין זיין אָרט, וואָס מ'וויל זיך איינרעדן, אַז דאָס איז זיין דירה פרטית,

און רחמנא ליצלן, אַז אין זיין דירה פרטית איז ניט דער עיקר איז געווען דאַווענען און לערנען, נאָר די ענינים וואָס מ'האָט דאָרט געווען פאַרבונדן מיט אכילה ושתי' ושינה – אף על פי וואָס דאָס אויך איז געווען אכילה, שתי' ושינה – שלאָפן פון אַ צדיק!

וכאמור לעיל, אין להאריך בדבר הכי פשוט.

במילא איז דאַרף מען זיך משתדל זיין, אַז מ'זאָל ממשיך זיין אין תפילה און לימוד התורה בכלל, און לימוד תורתו במיוחד, אין דער דירה וואָס זי איז מלכתחילה געווען, אף על פי וואָס ס'האָט זיך גערופן "דירה פרטית", ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר שלו, אָדער ביז שבעים שנה שלו – איז דאָס שוין דעמאָלט געווען ניט אַן ענין של "פרט", נאָר אַן ענין פון אַ נשיא:

אַ נשיא, בשעת ער טרינקט און עסט און שלאָפט – שלאָפט ער ווי אַ נשיא, און עסט ווי אַ נשיא, און טרינקט ווי אַ נשיא און הולך לטייל ווי אַ נשיא! און אַז הולך לבתי שירות, אין אַ "בית הכבוד" – איז ער דאָרט אויך אַ נשיא מיט אַלע ענינים התלויים בזה! אַזוי איז דער דין אין תורתינו תורת אמת, וואָס זי איז אויך תורת חיים.

און [ס'איז] ניט שייך אויף דערויף צו דינגען זיך – אפילו ווען ס'וואָלט געווען אַ קא סלקא דעת, על אחת כמה וכמה אַז ס'איז גאָר קיין קס"ד ניטאָ.

נט. אָט דאָס וואָס מ'וויל מוסיף זיין, אַז מ'וועט אויך מוסיף זיין צו דעם זיין וואָס מ'האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן מיט אַן אופן שונה ומשונה, אַז דאָס איז זיינע אַ דירה פרטית,

– וואָס כאמור לעיל איז זיין "דירה פרטית" איז געווען ביי אים דער עיקר – וואָס מ'האָט דאָרט געדאַווענט און מ'האָט דאָרט געלערנט תורה, און ער האָט דאָרט געלייגט תפילין, און ער האָט געקוקט אין בעל-שם-טוב'ס סידור, און געטאָן די אַלע ענינים

הקשורים בזה ומעין זה, אַט דאָס איז געווען בייאים דער עיקר, און כל שאר העניינים זיינען געווען אַ טפל דטפל! -

זאָל מען אויך אַ נאָמען געבן צו אַט דער קומה, אַז נוסף וואָס דאָס הייסט אַ בית פון "אגודת חסידי חב"ד" - דאָס קען מען ניט משנה זיין, אַזוי האָט קובע געווען דער בעל הגאולה;

ס'פירט זיך אָבער אין וועלט, און ס'פירט זיך אויך אין תורה, אַז ס'איז דאָ די "כותרת" כללית, דער שם כללי, און דערנאָך איז דאָ די שמות, ווי מ'רופט דאָס אָן "תת-כותרת", אַן "אונטער-קעפל",

פונקט אַזוי-ווי ווי ס'איז דאָ אין תורה שבעל-פה, איז דאָ דער ענין המשנה, דערנאָך וואָס דאָס איז אַ שם כללי, דערנאָך איז דאָ ווי אַ משנה ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אויף ששה סדרים, וואָס יעדער "סדר" האָט דאָך אַ באַזונדער שם פרטי שלו - אַ פרטי בערך פון שם כללי שלו, אַז דאָס איז "משנה".

על דרך זה האָט אויך יעדער "סדר" - כמה וכמה מסכתות, וכו' וכו'.

ועל דרך זה אין כל ענינים פון קדושה זיינען זיי בדוגמת התורה, וואָס זיי האָבן ווי זיי שטייען בכלל, און דערנאָך ווי זיי שטייען בפרט, און ווי זיי שטייען בפרטי-פרטיות.

אָבער ווי זיי שטייען בפרטי-פרטיות, איז מה-דאָך, אַז אַ "חכם" סתם, איז פסק'נט אָפּ דער רמב"ם, אַז ניכר במאכלו ובשתייתו ובטיולו ובמשאו ומתנו שלו: ער מאַכט אַן עסק און אַ מסחר - איז אַט דאָרט איז ניכר, אַז דאָס טוט אַ חכם, אַ "חכם" לויט דעם פסק-דין פון דעם רמב"ם, וואָס "ממשה עד משה לא קם כמשה".

וואָס דערפאַר איז אויך דער "אונטערקעפל" בדוגמא ווי מ'האָט דאָס געמאַכט אויף כמה מוסדות שלו, וואָס נתייסדו ברוחו ועל-פי רוחו ומתנהלים באופן כזה, אַז זיי ווערן אָנגערופן "אהלי יוסף יצחק",

אַזוי אויך ספרים, אָנהויבנדיק פון תהלים, האָט מען דאָס אויך אַ נאָמען געגעבן "אהלי יוסף יצחק",

אַזוי איז אויך, נוסף אויף דערויף וואָס דאָס ווערט אָנגערופן "בית אגודת חסידי חב"ד" - איז מכאן ולהבא, ווי די החלטה, און אַ החלטה גמורה, שאין אחרי' להרהר - האָט דאָס אויך דעם "אונטער-קעפל", אַז דאָס איז "אהלי יוסף יצחק".

ס. מ'געפינט זיך דאָך אין חושך כפול ומכופל פון גלות - טרעפן זיך ענינים משונים לגמרי, וואָס קיינער האָט זיך ניט געקענט משער זיין, אַז דאָס וועט טרעפן;

מצד דעם ענין השינוי שבזה, און נאָכמערער - דער ענין המשונה שבזה, און נאָכמערער - דער ענין הצער שבזה, און נאָך מערער - דער צער המבהיל שזה - וועט מען מאַכן

דאָס בקיצור, מערניט אָט דאָס וואָס ס'איז מוכרח צו דערציילן כדי צו באַוואָרענען אַ תקלה מכאן ולהבא.

און דאָס איז, אַז ס'זיינען געווען דריי וואָס זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין דעם רשות פון נשיא דורינו, פון דעם בעל הגאולה, און מ'האָט פון דאָרט אַרויסגענומען ספרים וכו', וואָס אין כאן המקום להאריך בזה,

האָט דער בעל הגאולה באַוויזן גלייך אַ מופת, אַז זיי האָבן גערעכנט, אַז מ'האָט זיך אויסבאַהאַלטן און קיינער וועט דערפון ניט – האָבן זיי געטראָפן בשעת זיי זיינען דאָרט געווען און אַרויסגייענדיק, בני אדם וואָס האָבן זיי געזען!

און דערפאַר, איז צוויי פון זיי האָבן מחזיר געווען אַלץ וואָס זיי האָבן דאָרט גענומען.

ס'איז אַ זיכערע זאַך, אַז סוף-כל-סוף וועט אויך דער דריטער אומקערן די אַלע ענינים, ובדרכי נועם ובדרכי שלום, וכל המקדים הרי זה משובח;

אָט דאָס וואָס מ'וויל דאָ מזהיר זיין און באַוואָרענען:

אַזוי ווי ס'איז דאָ אַזעלכע טיפּשים צווישן חסידים,

– נשיא דורנו האָט אַרויסגעגעבן אַ כלל, אַז אַ חסיד איז אַ קלוגער, מ'געפינט זיך אָבער אין חושך כפול ומכופל, איז דאָ אַ חסיד וואָס וויל באַווייזן, אַז ער איז קליגער פון נשיא דורנו – מצד טיפּשות קען דאָס אויך איינפאַלן!

איז אים איינגעפאַלן אַ המצאה: אַזוי ווי מ'האָט דאָך אַרויסגענומען לפי שעה אַ ספר וכיוצא בזה, וועט פּראַווען מסירות-נפש און גיין אַנטקעגן דעם איסור גמור, און גיין אַנטקעגן דעם רצון פון נשיא דורינו, און וועט באַצאָלן געלט כדי צו מציל זיין דעם ספר און אים אומקערן אין דעם רשות פון בעל הגאולה.

איז מען מכריז נאָך אַמאָל:

מ'זאָל וויסן זיין, אַז ער טוט בזה וואָס ער גיט איין פּרוטה געלט, וואָס זיין כוונה זאָל ניט זיין – טוט ער בזה אַנטקעגן דעם רצון פון בעל הגאולה, און דערביי איז אַ כלל: "והיא לא תצלח"! ניט נאָר אין עולם-הבא; "לא תצלח" בעולם הזה!

און דערפאַר, דער טיפּש וואָס האָט שוין אַזוי געטאָן, זאָל ער זיך גלייך אָפּטרייסלען זיך, אומקערן כל הענינים,

און בשעת ער וועט צושטעלן אַ שטר מכירה, אַז ער האָט דאָס באַקומען, ניט וואָס ער האָט דאָס צוגענומען נאָר וואָס דען? ער האָט דאָס אָפּגעקויפט און באַצאָלט כו' – איז בלי נדר וועט מען אים אומקערן, אף על פי וואָס ער איז אַ טיפּש, וועט מען אים אומקערן – –

ס׳איז דאָך אויף אים אַ גרויסע רחמנות, ״אין בו דיעה״ איז דאָך ״אסור לרחם עליו״, האָט דאָך געזאָגט דער רבי נשמתו עדן, און נשיא דורינו האָט דאָס איבערגע׳חזר׳ט, און האָט דאָס געזאָגט דעם בעל הגאולה, ער האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען הפרטי, און געזאָגט דעם מאמר, דערנאָך מסיים געווען: טראַכט זיך אַריין - אָדער קוק זיך צו - סאַראַ רחמנות אויף דעם איז, אַז אפילו תורה זאָגט אויף אים, אַז ״ אסור לרחם עליו״! ערשט דאָס באַווייזט דעם גודל הרחמנות וואָס מ׳דאַרף אויף אים רחמנות האָבן.

במילא וועט מען אים אומקערן אָט די געלט, וכמדובר - בשעת ער וועט צושטעלן אָט דעם שטר מכירה.

און מ׳זאָל דאָס מפרסם שיין אין אָט די ערטער וואָס ס׳איז אָנגעקומען דער קא סלקא דעת, אַז מ׳קען קויפן דעם שווער׳ס ספרים, אָדער כתבים, אָדער זיינע תפילין, אָדער דעם בעל-שם-טוב׳ס סידור וכיוצא בזה -

זאָל מען וויסן זיין, אַז דאָס איז ניט נאָר שלא ברצון דעם שווער, נאָר ״הוא בחיים„, און דאָס איז נגד רצונו, ״והיא לא תצלח״!!

סא. מ׳זוכט דאָך אויף יעדער ענין אַ רמז אין מאורעות וואָס מ׳זעט בהשגחה פרטית - זעט מען רחמנא ליצלן אין די ימים הכי אחרונים - קיין מאָל ניט געווען אַזאַ ענין וועגן באָמבעס:

כדי מ׳זאָל קענען אַ באָמבע אַריינטראָגן באיזה מקום שהוא, טוט מען דאָס ניט און מ׳איז מכריז, אַז דאָס איז אַ באָמבע;

מ׳קומט צוגיין און מ׳זאָגט: דאָס איז אַ גוטע זאַך, און ס׳איז אַ ״זיסער עפל„, און מ׳קען דערפון האָבן עולם-הזה און עולם-הבא, דערפאַר וואָס דאָס האָט געהערט צו אַ איש קדוש און צו אַ איש טהור און צו אַ נשיא הדור, במילא דאַרפסטו באַצאָלן מערער, מיט די גאַנצע אריכות הביאור,

דאָס איז אָבער האָט אַ צורה און לכאורה אַ הסברה, אַז דאָס איז אַ זיסער עפל -

זאָל מען וויסן זיין, אַז דער וואָס טראָגט דאָס צו זיך אַריין - טראָגט ער צו זיך אַריין אַ באָמבע!

און אַ באָמבע ווייס מען ניט, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, ווען זי וועט פלאַצן, ווען זי וועט אויפרייסן - ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, אפילו ניט באַ שונאי ישראל!

וואָס דאָס איז, כאמור, דער לימוד פון די מאורעות פון די ימים הכי אחרונים.

סב. דערנאָך פרעגט מען:

דאָס איז דאָך וואָס מ'זעט דאָס אין וועלט; וואו געפינט מען דאָס אין תורה אַ דוגמא, אַז ס'זאָל האָבן אַן אויסזען פון אַ זיסן עפּל ובפועל זאָל דאָס זיין אַן ענין פון אַ באָמבע? –

איז ניט נאָר דאָס שטייט אין תורה גלוי, ובנגלה – נאָר דאָס שטייט אין תורה בנוגע צו תורה אַליין:

תורה זאָגט אין מסכתא יומא, אַז בנוגע צו לימוד התורה, "ושמתם", אַז דאָס איז אַן ענין של "סם חיים".

דערנאָך איז די גמרא ממשיך, אַז תורה איז אַן ענין וואָס דאָס איז "סם חיים" בעולם הזה ובעולם הבא,

דערנאָך זאָגט תורה, תורה עצמה, אין דעם זעלבן ענין, אַז דער וואָס לערנט תורה שלא לשמה, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, ניט פאַר קיין אפילו שונאי ישראל געזאָגט – [איז] ניט נאָר דאָס ווערט ניט ביי אים קיין "סם חיים" – דאָס ווערט ביי אים אַ דבר הפכי!

ואין להאריך אין ענינים פון "אל תפתח פה וכו'", אין ענינים המבהילים והמצערים,

און וואָס אַ זיכערע זאַך איז ברגע כמימרא וועט דאָס אַלץ נתתקן ווערן.

סג. און ווי דערמאָנט פריער – דער בעל הגאולה האָט שוין באַוויזן דעם נס, אַז גלייך ווי די דריי זיינען אַרויסגעגאַנגען, יעדער בפני עצמו, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף בני-אדם וואָס האָבן געזען וואָס זיי האָבן דאָ געטאָן!

איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ער וועט אויך ווייטער טאָן, בדרכי נועם ובדרכי שלום,

און מ'וועט זיך ניט איינרעדן חלומות, כאמור, אַז דאָס אזי אַ זיסער עפּל וכיוצא בזה – מ'וועט נעמען די ענינים ווי זיי שטייען אין מסכתא יומא, און ווי זיי שטייען אין שולחן-ערוך, און ווי זיי שטייען אין חוקי אומות העולם, אפילו באַ די גרועים שבאומות!

וכאמור, אַז מ'אָל מערניט דאַרפן רעדן וועגן דעם גאַנצן ענין, ושלום על ישראל, און נאָך מערער – ושלימות על ישראל.

– קיינעם איז ניט נוגע נצחנות אָדער אימעצן כאַפּן ביי אַ גרייז, אָדער ביי אַ טעות וכיוצא בזה;

אָט דאָס וואָס נשיא דורינו, דער בעל הגאולה, וועט זיכער אויספירן, אַז אַלע זיינע ענינים ווי ער וויל, סיי די דירה און סיי די ספרים און סיי די כתבים און סיי דעם בעל-שם-טוב' סידור ושאר כל הענינים – וועלן זיין ברשותו עד סוף כל הדורות.

וואָס דאָס איז אויך: מ׳וויל דאָך אָנטאַפּן מיטן האַנט, ווען מען וועט מען טאַפּן? – בשעת ס׳איז דאָ "אגודת חסידי חב"ד", וואָס זיי זיינען נשמות בגופים, און מ׳קען זיי אָנטאַפּן ביד הגשמי – אַט דאָס איז "הוא בחיים"!

סד. און ויהי רצון, אַז ס׳זאָל זיין דער "יתרון האור מן החושך" – נאָך אַ גרעסערער אור ווי ביז איצטער, וואָרום דאָס וועט פאַרבונדן ווערן מיט "יתרון החכמה מן הסכלות" – נאָך אַ גרעסערע חכמה ווי ביז איצטער.

און ס׳וועט זיין בקרוב במהרה בימינו ממש "הקיצו ורננו שוכני עפר", פאַרבונדן מיט דער גאולה האמיתית והשלימה,

וואָס דעמאָלט וועט דאָך זיין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל ובחוצה-לארץ, [וואָס דאָס איז דאָך דער אָפּטייטש פון "בבל"), נעמט דער אויבערשטער די בתי-כנסיות ובתי-מדרשות, על אחת כמה וכמה – דעם גאַנצן בנין פון "770" ווי מ׳רופט אים אָן, און די בנינים הסמוכים, וואו מ׳האַלט דעם נשיא דורינו׳ס ספרים אָדער חסידות וכיוצא בזה,

און פלאַנט זיי איבער, די בנינים בשלימותם, לארצנו הקדושה – אויך "עם ענני שמיא", ובמהרה בימינו, ובשמחה ובטוב לבב, ובדרכי נועם ובדרכי שלום,

און מ׳גייט טאַנצנדיקערהייט, צוזאַמען מיט משיח צדקנו און צוזאַמען מיט נשיא דורינו, והוא בראשם, מיט דעם בעל הגאולה, ובמהרה בימינו ממש – לארצנו הקדושה, און דאָרטן גופא – אין ירושלים עיר הקודש, און דאָרטן גופא – אין הר הקודש, און דאָרטן גופא – אין "מקדש אדנ׳ כוננו ידיך",

ובשמחה ובטוב לבב, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", און יעדערער פון זיי – בתכלית השלימות בגשמיות ובתכלית השלימות ברוחניות.

סה. און איצטער וועט מען זינגען דעם ניגון "הכנה", און דערנאָך דעם ניגון פון דעם אַלטן רבי׳ן הידוע,

און דערנאָך – מסיים זיין מיטן ניגון של שמחה פון דעם מיטעלן רבי׳ן, ממלא-מקומו,

און דערנאָך דעם ניגון וואָס איז פאַרבונדן מיט י"ב תמוז – פון "ניעט ניעט ניקאַוואָ" – דוקא בלשון המדינה פון זמן ההוא, וואָס דאָס איז געווען בזמן הגאולה בפעם הראשונה, און אַזוי ווערט דאָס איבערגע׳חזר׳ט, ובתוספת אור, ביז אַן אור שלא הי׳ כמוהו לעולם – אין דעם זעלבן לשון; "מצעות שהציעה לו" אין אַן אופן בלתי-רצוי, איז דערנאָך איז דאָס געוואָרן "מצעות" של קדושה,

און מ׳וועט מיטנעמען, כאמור, דעם בנין מיט כל הענינים שבבנין, מיט אַלע מענטשן שבבנין, מיט כל השייך לזה והסמוך לזה וה"נראה עמו",

ובשמחה ובטוב לבב.

לחיים.

ניגנו ניגון הכנה. ניגון אדה"ז (בבא הרביעית - פעם אחת). "ניע זשוריצי כלאָפּצי".

צוה להש"צ לנגן את הניגון "יהי רצון מלפניך כו' שיבנה בית המקדש במהרה בימינו כו'".

אח"כ התחיל כ"ק אד"ש לנגן "ניעט ניעט ניקאַוואָ כו'", ורמז לשרוק בעת הניגון.

• • •

**שיחה ז**

סו. אַזוי ווי מ'האָט אָנגעהויבן "פותחין בברכה" - איז אויך דאָ אַ פרישע הצעה, מ'זאָל מסיים זיין באמירת "לחיים", "לחיים ולברכה",

און כדי ס'זאָל חל זיין אויף אַ דבר גשמי דאַרף מען דאָך האָבן אַ כוס המחזיק יין וכיוצא בזה.

און דאָס זאָל אַראָפּברענגען די כל הענינים האמורים - בגשמיות, למטה מעשרה טפחים, ובעגלא דידן; "וארו עם ענני שמיא", אָבער בגשמיות כפשוטה, בבני חיי ומזוני רוויחא, ובכולם רוויחא.

ועוד והוא העיקר - טאַנצן "לאלתר לתשובה, לאלתר לגאולה", "לאלתר" ממש, לקבל פני משיח צדקנו,

און נשיא דורינו בתוכם, צוזאַמען מיט כספו וזהבו וכתביו וספריו וחפציו וכל ענייניו, צוזאַמען מיט בית-הכנסת שלו און בית-המדרש שלו, וואָס ער האָט דאָס איבערגעשריבן אויפן נאָמען פון "אגודת חסידי חב"ד",

און אין אַן אופן פון "לאלתר לגאולה" ממש!!

לחיים. לחיים ולברכה.

אח"כ אמר: די וואָס דאַרפן מאַכן אַ ברכה אחרונה - ווען זיכער מאַכן אַ ברכה אחרונה.

כל הקהל אמר "לחיים" לכ"ק אד"ש, וענה להם "לחיים ולברכה".

• • •

**שיחה ח**

סז. ס׳איז אַ דבר הפשוט מעצמו, אף על פי וואָס מ׳האָט דאָס ניט דערמאָנט, אַז ס׳איז אַ זיכערע זאַך, אַז מ׳דאַרף ממשיך זיין מיט די התוועדויות ביז דעם שבת פון שבעה עשר בתמוז,

וואָס בשנה זו איז נאָך צוגעקומען, אַז דאָס איז אַ שבעה עשר בתמוז נדחה, במילא וויבאַלד אַז ער נדחה - אָט דעמאָלט, כמדובר כמה פעמים על פי הלכה, דאַרף דעמאָלט זיין די שמחה ס׳זאָל ניט בלייבן קיין ספק וספק-ספיקא, אַז דאָס איז אַ שבת, "וביום שמחתכם אלו השבתות", און דער ענין פון שבעה עשר בתמוז האָט בכלל קיין רושם ניט געבראַכט, און ניט געלאָזט,

און נאָך מערער - "יהפכו לששון ולשמחה ולמועדים טובים", וואָרום דאָס איז "ביום שמחתכם ובמועדיכם",

וכידוע דער וואָרט ווי מ׳האָט געזאָגט בנוגע ווען דער נשיא דורינו איז געבאָרן געוואָרן, אַז וויבאַלד אַז ס׳איז נדחה - זאָל דאָס נדחה ווערן לגמרי,

און ניט נאָר נדחה לגמרי, נאָר נהפך "לששון ולשמחה ולמועדים טובים", דורך דערויף וואָס ס׳קומט משיח צדקנו נאָך לפני השבת, איז בדרך ממילא ווערן דערנאָך די אַלע "בין המצרים" אין אַן אופן פון "מן [המיצר קראתי י-ה] ענני [במרחב] י-ה",

ובפשטות, ובלשון ההלכה, [וואָס דאָס איז לשון הכתוב, דער רמב״ם ברענגט דאָס אָבער אַראָפּ אַלס אַ לשון הלכה], אַז ניט נאָר ס׳וועט בטל ווערן די צומות, נאָר אויך - "יהפכו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, והאמת והשלום אהבו",

כפשוטו, למטה מעשרה טפחים, ובעגלא דידן ממש!!!

לחיים.

כ״ק אד״ש ברך ברכה אחרונה.

אח״כ נתן לכאו״א מה"טנקיסטים" שטרות של דולר, לתת לכאו״א מהנוכחים שיחיו שטר אחד של דולר, לתת אותו לצדקה, ובהוספה מדילי׳.

בעת חלוקת הדולרים ניגנו ניגון ר״ח כסלו.

(לכמה אנשים הואיל כ״ק אד״ש להעיר, שעליהם לחלק את הדולרים, ולא להחזיקם לעצמם. וכן אשר יחלקו אותם להנוכחים כאן, ולא בארה״ק. וכן - כאן ולא באיטליא):

טרם צאתו התחיל כ״ק אד״ש לנגן "כי בשמחה תצאו".

• • •

**לזכות**

הבת הנולדת

**חנה ליבא בת אסתר**

ולהוריה

**שלום דובער בן רבקה נעמי**

**אסתר בת מרים**

שיחיו לאורך ימים ושנים טובות

**ליין**

שיזכו לגדלה יחד עם שאר ילדיהם שיחיו

"לתורה לחופה ולמעשים טובים"

ולהצלחה רבה ומופלגה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

**לזכות**

ר׳ **אליעזר חיים** וזוגתו **רבקה בתי׳**

יוצאי חלציהם וכל בני משפחתם שיחיו

**לפידות**

בוענאס איירעס, ארגענטינא

❖

לע״נ

הרה״ח וו״ח אי״א נו״נ עוסק בצ״צ וכו׳

מוה׳ **גדלי׳ ירחמיאל** בן ר׳ **מיכל** ז״ל

**שייפער**

יאהרצייט י״ז אדר

In Loving Memory of

Reb Gedaliah Shaffer

Yahrzeit, 17 Adar